זשכצענטער יאָרגאַנג

№ 46

פרייז 20 גראָשען. — „CZENSTOCHOWER CAJTUNG“.

טשענסטאָכאָווער צייטונג

[illegible]

Piątek 12 listopada 1937 — ליכט-צינדען 3.39 — פרייטאג פ׳ ויצא ח׳ כסלו תרצ״ח

Dr. med.

A. WOLBERG

choroby skórno - weneryczne

POWRÓCIŁ

i ordynuje od 4—7 po poł.

Aleja Wolności № 13

II piętro tel. 13-67.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער חשוב׳ען פריינד **ישעי׳ משה ווייצענבלאַט** מיט פרל. **איטא עפשטיין** פון ראַדאָמסק, ווינשען פיעל גליק און א בליהענדע צוקונפט

נ. בערלינער, ש. אונגערזאָהן, ל. איצקאָוויטש,
ה. וויינטרויב, פ. יעגער, ש. לעווין.

„טעכנאָזיל“ — א. זילבערשטיין

טשענסטאָכאָוו, אַלעע קאָשטשושקי 23 №

טעלעפאָן 18-60.

פערקויפס-ביוראָ פון **קויהלען** און **קאָקס**

ליפערט אויסער וואַגאָנווייזע אויך **איינצעלנע פוהרען** פאַר הויז-געברויך

די בעסטע קוואַליטעטען הייץ-קויהלען: דאָמבראָווער און שלעזישע. הויפט-פערקויף און פערטרעטונגען פון די בעסטע גרובען, ווי: **גיעשע** (ווילסאָן און ליגאָן), **פלאָרא, פאַריז** (קאָשעלעוו).

איך ליפער אָנהויבענדיג פון איין פוהר.

ביליגסטע איינקויפס-קוועלע.

זאַל פון „מכבי“

פרייטאָג, ד. 12 און שבת, דעם 13 ד. ח. 8-30 אָווענד

נאָר 2 אויפטריטען פון די בעריהמטע פּאַלעסטינער קינסטלער

נעמי ליף און יוסף גאַלאַנד

פרימאַבאַלערינא פון פּאַלעסטינער טעאַטערען — פּרעמיער-אַרטיסט פון „אהל“ און „מטאטא“

אינ׳ם הערליכען פּראָגראַם א.ט.

„ארץ-ישראל זינגט, טאַנצט און שפּילט“

בילעטען-פאָרפערקויף אין דרוקעריי פון ה׳ באָטשאָן, אַלעע 6, פרייטאָג פון 6 אָווענד, שבת פון 11 פריה אין דער קאַסע פון טעאַטער.

Przepisywania na maszynie

przyjmuje

E. LANDAU, Garibaldiego 21

w bramie, na parterze

codziennie od godz. 9-ej rano do godz. 4-ej po poł.

Wykonanie punktualne i solidne. — — Ceny b. przystępne.

יודאַאיסטישער צענטער ביי דער נייער שוהל.

שבת פ׳ ויצא (13.11) 3 נאָכמיטאָג וועט פּאָרקומען

די פייערליכע ערעפנונג פון די מסבות עונג-שבת

איינלייטונג: **הרב ד״ר ח. ז. הירשבערג.** רעפערירען וועט פּראָפ. **ב. ווינבערג** א. ד. ט.: „אונזערע אבות“.

די ביבליאָטעק איז אָפען מוצאי שבת פון 6—8 אוו. זונטאג פון 5-10 אוו., מאנטאג, דינסטאג, מיטוואָך און דאָנערשטאָג פון 7-10 אוו. איינגאַנג פריי.

יודען פון פוילען וואס קומען נאָך ארץ-ישראל

רייכערן נור די פּאַפּיראָסען

פון דער בעוואוסטער פאַבריק **„מספרו“** תל-אביב

100 פּראָצ. יודישע אַרבייט. — 16-יעהריגע עקזיסטענץ.

די בעסטע אין ארץ-ישראל

לטיף — יסמין — נרקיס — אמיר — ישוב

א פולשטענדיג-איינגעריכטעטע

מעשענגיסעריי

מיט גראַווירטע פּליטען און מאָדעלען פון אַלעראַרט קלאַמקעס, וואַסער-קראַנען, ווענטילען א. ז. וו.

צוגענגליך שוין צו פערקויפען

זיך ווענדען צו: יאַקוב ווינשטאָק, אַלעע 32.

WORLD - RADIO

świat w domu...

Do Miłośników muzyki!

Doszło do wiadomości naszej, że WPan od dłuższego czasu nosi się z zamiarem kupna radioodbiornika. Nie uczynił WPan tego dotychczas, ponieważ trudno WPanu zorientować się w labiryncie pojęć jak: obwody, lampy, automatyczna regulacja fadingów, superhetorydyna, magiczne oko, zakresy fal etc. etc. Pozatym utrudnia WPanu jeszcze decyzję rozmaitość modeli i cen.

W tym wszystkim przyjdzie WPanu chętnie z pomocą fachową i sumienną

Zakłady Radiotechniczne

WORLD - RADIO

Inż. Br. Fliegelman i S-ka

Spółka Komandytowa

Aleja 24 w podwórzu, tel. 25-75.

Reprezentacja czołowych firm krajowych i zagranicznych.

א גימנאַזיסט

ערטיילט לעקציעס און קאָרעפּעטיציע אין ראהמען פון 6 קלאַסען גימנאַזיום. אויך העברעאיש און אַנדערע למודים פון יודאַאיסטיק צו צוגענגליכע פּרייזען.

צו ערקינדיגען זיך אין רעדאַקציע.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA

„KRYSZTAŁ“

ul. Berka Joselewicza 2.

צום פריהלינג-סעזאָן

מיר נעמען אָן צו וואשען **קראַגענס** מיט לאנג-דויערענדע שפּיגעל-גלאַנץ ווי אויך **העמדס** צו רייניגען און צו פאַרבען אַלערהאַנט קליידונג. גאַרדינען צו וואשען און צו שפּאַנען.

ספּעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס 2) דעטאַשירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וואשען).

אַכטונג: פלעקען ווערען אַרויסגענומען. אויפ׳ן אָרט אַלץ צו ביליגע פּרייזען.

Ryba w przezroczystej galarecie smaczną będzie, gdy użyjecie

żelatyny *mielonej* **d-ra OETKERA**

Zastępca: H. NORYMBERSKI, Częstochowa, Aleja 38.

Niezrównana książka z przepisami D-ra A. Oetkera pt. „Dobra gospodyni piecze sama“ jest do nabycia we wszystkich sklepach kolonialnych, księgarniach i u naszego zastępcy.

Cena obniżona 30 groszy.

אנו מביעים את השתתפותנו בצערם של **המשפחה המתאבלת ו„מזרחי“** כאן לרגלי מותו של

יוסף שמעון קאבלינג ז״ל

יו״ר „מזרחי“, עסקן צבורי מסור לרעיון גאולת ארצנו ושחרור עמנו.

בהגשמת רעיונותיו תנחמו!

ועדת הקרן הקימת לישראל בצ׳נסטוחובה.

משתתפים אנו בצערם של **משפחת קאָבלינג** לרגלי מות אביהם הנכבד המצוין במעלות ומדות טובות

ר׳ יוסף שמעון ז״ל

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

חנוך העניך עפשטיין ורעיתו

אונזער פריינדין פרל. **יאַדזיאַ הערשליקאָוויטש** צוליעב׳ן טויט פון איהר אונפערגעסליכען פאָטער

אלחנן זרח ז״ל

דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.

לעאָן מאַיעראָוויטש
ראובן וויינבערג
יוגה שאַכער.

SZKOŁA TAŃCÓW

baletm. Kosteckiego

w lokalu własnym

ul. Waszyngtona № 6.

Wyucza ostatnie nowości — kongresu — paryża 1937/1938 roku w kompletach — pojedyńczo

Zgłoszenia codziennie od 10—21 w.

אַכטונג: יעדען שבת פּראַקטישע לעקציע

פאַר יודישער געזעלשאַפט.

אָנהויב 8 אָווענד. — ערשטקלאַסיגע מוזיק.

צוליעב׳ן טויט פון אונזער לאַנגיעהריגען גבאי און מיטגליד

חנן זרח הערשליקאָוויטש ז״ל

דריקען מיר אויס דער טרויערענדער פאַמיליע אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.

בנחמת ציון וירושלים ימצאו נחומים.

חברים מחברה „לומדי תורה“.

פאָדערט ביי אַלע צייטונגס-פערקויפער דאס אילוסטרירטע וואָכענבלאַט

„די פּאַנאָראַמע“

סענסאַציאָנעלער קאָנקורס: מיר זוכען אַ יודישע פילם-אַרטיסטקע, וואס זאל שפּיעלען די הויפּט-ראָל אין אַ יודישען פילם.

פולער ראַדיאָ-פּראָגראַם אויף א גאַנצע וואָך פאָראויס.

שפּאַנענד לעזע-מאַטעריאַל: פיעל אַקטועלע און אינטערעסאַנטע אילוסטראַציעס

8 גרויסע זייטען בלויז פאַר 10 גראָשען.

40 יאהר „בונד"

די וואך פייערט דער „בונד" דעם 40-יעהריגען יובל פון זיין עגזיסטענץ.

וואסערע טענות מען זאל נישט האבען צום „בונד", ווי מען זאל נישט זיין איינשטימיג מיט דער טאקטיק אדער מיט די פרינציפען פון „בונד" אלס פארטיי פון יודישען סאציאליזם, איין זאך מוז מען אבער אנערקענען, אז דער „בונד" האט גרויסע פערדינסטען אויפ'ן געביט פון אויפוועקען די פער'חושכ'טע יודישע פאלקס-מאסען, וועלכע האבען געשמאכט אין פינסטערניש און געלעבט אין גייסטיגען און מאטעריעלען דלות.

מיט 40 יאהר צוריק איז אויף דער יודישער גאס געווען חושך פינסטער, די הארעפאשנע מאסען האבען געלעבט ווי א סטאדע שאף אהן א היינט און אהן א מארגען. זיי זענען געווען א ווערקצייג אין די הענד פון די תקיפים איז געקומען דער „בונד" און האט אט די שקלאפען גערופען צו א ניי לעבען, געוועקט אין זיי האפנונג אויף א בעסערען מארגען.

דער „בונד" האט אויך ארגאניזירט די פראפעסיאנעלע בעוועגונג, געקעמפט פאר דער פערבעסערונג פון יודישען ארבעטער-קלאס, געפאדערט רעכט אויף ארבייט פאר'ן יודישען ארבייטער.

דער „בונד" האט אין משך פון די 40 יאהר געקעמפט פאר דער אנערקענונג פון דער יודישער שפראך און ליטעראטור און נאך ביז'ן היינטיגען טאג שטעהט ער אויף די ערשטע פאזיציאס פון קאמף פאר רעכט פון די יודישע מאסען.

וואס מען זאל נישט פארווארפען דעם „בונד", איינס אבער מוז מען מודה זיין: אין דער געשיכטע פון קאמף פאר יודישע רעכט האט דער „בונד" אריינגעשריבען א העראאיש בלעטיל די לעצטע 40 יאהר און דאס איז זיין גרויס פערדינסט, וועלכעס איז ווערט אנערקענונג.

ש. פ.

די תנאים האט צוריסען אונזער זוהן יאן, ווייל זיין כלה האט טראץ די פיעלמאליגע בקשות נישט גענוצט די אויסגיביגע פאסטע ערדאל, צוליעב וואס איהרע שיך זענען נישט געווען עלעגאנט. די געהיימניס: בענוצען ווי אמווייניגסטען פאסטע ערדאל, נאר פוצען מיט ווייכען טוך ביז צום בלענדענדען גלאנץ.

קורצע ידיעות פון דער וואך

— די ענגלישע רעגירונג האט בעשלאסען צו בעשטימען האנדעלס-אגענטען ביי דער רעגירונג פון גענ. פראנקא. מיניסטער אידען האט אבער, ענטפערענדיג אויף א אינטערפעלאציע אין פארלאמענט, ערקלערט, אז דער דאזיגער שריט פון דער ענגלישער רעגירונג בעדייט נישט דאס אנערקענען די רעגירונג פון די אויפשטענדיגע ווי אויך נישט דעם גענ. פראנקא אלס קעמפענדען צד.

— בעת די וואהלען פון ניו-יארקער בירגערמייסטער, האט דער ביז-העריגער בירגערמייסטער לא גארדיא בעקומען א גרויסע מערהייט פון א האלבען מיליאן שטימען און געוועהלט געווארען אלס בירגערמייסטער פון ניו יארק. לא גארדיא איז בעקאנט פון זיינע שארפע רעדעס געגען היטלעריזם.

— קיין פראנקרייך קומען צוריק פון אמעריקע ריזיגע טראנספארטען גאלד. דער פאקט וועט דערפיהרען אין פראנקרייך צו א בודזשעט-סטאביליזאציע און צו א פאליטישער בערוהיגונג.

— די בעראטונגען פון סאציאליסטישען הויפט-ראט אין פראנקרייך האבען זיך פערענדיגט מיט א זיג פון בלום'ס גרופע. עס איז בעשלאסען געווארען צו בלייבען ווייטער אין דער רעגירונג פון שאטאן.

— לויט די ידיעות פון די ענגלישע צייטונגען איז מוסאליני'ס זוהן, ברונא, אריינגעפאלען אין געפאנגענשאפט צום רעגירונגס-מיליטער בעת ער איז געפלויגען אין זיין עראפלאן, וועלכער איז אראבגעשאסען געווארען.

— אין א"י איז אפיציעל פערעפענטליכט געווארען א פעראָרדנונג, לויט וועלכער ס'ווערען דארט איינגעפיהרט קריגס-געריכטען. די דאזיגע קריגס-געריכטען זענען בעפולמעכטיגט ארויסצוגעבען טויט-אורטיילען פאר שיסען צו וועמען עס איז, טראגען געוועהר, באמבעס און פאר אויספיהרען סאבאטאזש אקטען. פון די אורטיילען פון קריגס-געריכט זענען נישטא קיין אפעלאציעס, נור זיי דארפען בעשטעטיגט ווערען דורכ'ן גענעראל-קאמאנדיר פון די בעוואפענטע קרעפטען אין לאנד (גענ. וועוועל).

— אין רוים איז אונטערגעשריבען געווארען אנ'אבמאך, לויט וועלכען די איטאליענישע רעגירונג טרעט-צו צו דעם אנטי-קאמינטערן-אבמאך, וועלכער איז מיט א יאהר צוריק געשלאסען געווארען צווישען יאפאן און דייטשלאנד. די 3 מלוכות בעשליסען געמיינזאם צו בעקעמפען דעם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל.

— די קאנפערענץ פון 9 מלוכות אין בריסעל האט בעשלאסען זיך צו ווענדען צו יאפאן צו דעלעגירען פארשטעהער אין א ענגערען קאמיטעט צו אונטערהאנדלען. די יאפאנישע רעגירונג וועט ווארשיינליך די איינלאדונג אבווארפען.

— דער כינעזישער פרעמיער גענ. טשאנג קיי-שעק האט אין א רעדע ערקלערט, אז כינע וועט נישט אנהויבען צו פיהרען דירעקטע אונטערהאנדלונגען מיט יאפאן און אז דאס כינעזישע פאלק איז דעצידירט צו פיהרען דעם קאמף מיט יאפאן ביז צו א זיגרייכען סוף.

— די טעראר-אקציע פון די אראבער דויערט אהן אויפהער. אראבישע טעראריסטען האבען אין ירושלים ביי שער-יפו ערמארדעט 2 בריטישע זעלנער און שטארק בעשאסען די פאליציי-סטאציעס אין בית שאן און אין נצרת.

— דער הויך-קאמיסאר וואוקאפ, וועלכער האט שוין געזאלט צוריקפאהרען קיין פאלעסטינע, איז פלוצלינג געפעהרליך קראנק געווארען. זיין רייזע איז דערווייל אבגעלעגט געווארען.

— לויט די מיטטיילונג פון א פאריזער צייטונג ווערען די אראבישע טעראריסטען בעזארגט מיט דייטש געוועהר, וועלכעס ווערט געשמוגעלט הויפטזעכליך דורך עבר הירדן און סיריען.

— די א"י-רעגירונג האט פערעפענטליכט א פעראָרדנונג, וועלכע פיהרט איין אין לאנד א נייע אדמיניסטראטיווע צוטיילונג. דאס לאנד ווערט צוטיילט אויף 4 דיסטריקטען אנשטאט די ביז-יעצטיגע 3.

— נעבען קרית ענבים איז א גרופע חלוצים פון 4 מאן און א יודישער געהילפס פאליציאנט בעשאסען געווארען פון אראבישע טעראריסטען. אלע 5 יודען זענען געפאלען טויט אויפ'ן ארט. עס איז אהין ארויסגעשיקט געווארען א גרעסערע פאליצייאישע אבטיילונג.

— אין לעמבערג איז פארגעקומען א צוזאמענפאהר פון די מזרח גאליצישע לעגיאניסטען און פעאוויאקעס. אין די אנגענומענע רעזאלוציעס האט זיך דער צוזאמענפאהר ארויסגעזאגט געגען ברוטאלען אנטיסעמיטיזם און סאטאלער רעגירונגס ארדנונג און פאדערט צו בעשטימען א קלארע פאליטיק לגבי די מינדערהייטען.

— די דעמאקראטישע און סאציאליסטישע סטודענטען פון לעמבערגער אוניווערזיטעט האבען בעשלאסען צו באיקאטירען דעם פלעביסציט וועגען דער בענק-פראגע. אויך די אוקראאינישע סטודענטען און לודאוועצעס האבען זיך ארויסגעזאגט געגען „געטא" און וועלען נישט אנטיילנעמען אין דעם פלעביסציט.

— די ענדעקישע פארטיי אין ביאלא-ביעלסקער און אין וויסאקא-מאזאוויעצקער פאוויאט איז דורך די אדמיניסטראטיווע מאכט אבגעשטעלט געווארען אין איהר טעטיגקייט צוליעב די כסדר'דיגע אנטי-יודישע און פערברעכערישע טעטיגקייט פון די ענדעקעס אין די דאזיגע פאוויאטען.

— אין גניעזנא האט דער קריסטליכער קליינהענדלער פעראיין גענומען אין ארענדע דעם גאנצען מארק פלאץ און פערדינגט ערטער אויסשליסליך זיינע מיטגלידער: אזוי ארום האבען נישט די יודישע מארק-הענדלער קיין צוטריט צום מארק פלאץ.

— אין ווארשאווער אפעלאציע-געריכט איז פארגעקומען דער פראצעס פון „נארא"-פיהרער אדוו. ראזטשישעווסקי, וועלכער איז אין דער ערשטער אינסטאנץ בעפרייט געווארען. אדוו. ראזטשישעווסקי האט בעקומען א יאהר תפיסה פאר וועלען אונטערקויפען אנ'אגענט פון דער פאליציי.

— צווישען דער פוילישער רעגירונג און דער דייטשער רעגירונג איז געשלאסען געווארען אנ'אבמאך וועגען די רעכט פון דער פוילישער מינדערהייט אין דייטשלאנד און דער דייטשער מינדערהייט אין פוילען. ביידע רעגירונגען פערפליכטען זיך צו זיכערן די רעכט פון די בעטרעפענדע מינדערהייטען אויפ'ן קולטורעלען, רעליגיעזען און ווירטשאפטליכען געביעט. די פערשטענדיגונג נעמט נישט ארום די דאנציגער פראגע.

— נאך די אנטי-יודישע געשעהענישען אין דאנציג, ארעסטען פון אנגעזעהענע סוחרים און קאנפיסקאטעס פון יודיש פערמעגען, האבען די דאנציגער האלץ-עקספארטערען, וועלכע בעשטעהען אין 80 פראצענט פון יודען בעשלאסען צו איבערטראגען דעם גאנצען האלץ-עקספארט פון דאנציג קיין גדיניע.

— אין ווילנא איז נפטר געווארען אין עלטער פון 84 יאהר דער ראש-ישיבה ר' אברהם צבי גראדזענסקי ז"ל, א ברודער פון בעוואוסטען גאון ר' חיים עוזר גראדזענסקי.

— דער סענאט פון לעמבערגער אוניווערזיטעט האט בעשלאסען נישט אנצונעהמען די דעמיסיע פון רעקטאר קולטשינסקי. גלייכצייטיג האט דער סענאט בעשלאסען אבצושטעלען די לימודים אויף אנ'אונבעשטימטע צייט.

— צוליעב די בלוטיגע געשעהענישען אין לעמבערגער פאליטעכניקום, בעת וועלכע 3 יודישע סטודענטען זענען שווער פערוואונדעט געווארען, האט דער סענאט פון פאליטעכניקום בעשלאסען אבצושטעלען די לימודים אויף אנ'אונבעשטימטע צייט.

— דער רעקטאר פון לעמבערגער אוניווערזיטעט קולטשינסקי האט גאנץ אונערווארטעט געענדערט זיין ביזהעריגע געגנערישע שטעלונג בנוגע דעם איינפיהרען געטא-בענק אויפ'ן אוניווערזיטעט און ארויסגעגעבען א פעראָרדנונג, לויט וועלכער די ענדעקישע סטודענטען פון „מלאדזיעזש ווסחאדאפאלסקא" און די יודישע סטודענטען מוזען זיצען אויף בעזונדערע בענק. דאגעגען זענען די אנדערע פוילישע סטודענטען ווי אויך די אוקראינישע פערפליכטעט צו דעקלארירען אין דער צייט פון 6 ביז דעם 13 ד. ח. אויף וועלכע בענק זיי ווילען זיצען עווענטועל צי זיי ווילען זיצען אויף בעזונדערע בענק.

— דאס ווארשאווער שול-קוראטאריום האט פערעפענטליכט א מעלדונג, אז דאס קוראטאריום האט נישט אנגענומען און האט אויך נישט בדעה אנצונעמען א בעשלוס וועגען איינפיהרען געטא בענק אין די ווארשאווער מיטעלשולען.

— צוליעב די אוואנטורעס פון די ענדעקישע סטודענטען איז וואווזעבערג'ס טעכנישע היכשול געשלאסע געווארען אויף אנ'אונבעשטימטע צייט.

געשעהענישען און פאסירונגען אין א זונטאג'דיגען טאג

בזמן הזה, אין די צייטען, וועלכע מיר לעבען איבער, איז יעדער טאג עלול צו פערצייכענען א פאסירונג, א געשעהעניש, וואס קריצט זיך איין אין די מחות פון דער מענשהייט און ווערט א היסטארישער דאקומענט פאר די קונפטיגע דורות, ווייל היינט, בעת די טעכניק איז ענטוויקעלט אין איהר פולשטענדיגער פולקאמענהייט, געהט אלץ מיט א בליץ שנעלקייט מיט'ן אויג נישט צו דערזעהן.

נעמט למשל אזעלכע שטעדט ווי טשענסטאכאוו, ביעלסק, בריסק אדגל. ערשט אינדערפריה איז אלץ געווען אין דער בעסטער ארדנונג, דער האנדעל איז געגאנגען נארמאל, מענשען האבען פרידליך שפאצירט, נאכמיטאג אבער קאנסטו שוין אויף דער גאס נישט ארויס, און ווען דו געהסט שוין יא, דערקענסטו די נישט די געשעפטען, ווייל דאס מעבעל איז איבערגעשטעלט...

דאס זעלבע איז מיט גאנצע מדינות. אט געהען מענשען, ווי זיי זאלען נישט הייסען, כינעזער, שפאניער אדער גאר אביסינטשיקעס זיך רוהיג צו זייער בעשעפטיגונג און פלוצים פליהט אן א בלייערנער פויגעל און הויבט אן צו שיסען מיט ארבעס און פון א גאנצער שטאדט ווערט א תל. אמאל האט ערשט געדארפט קומען אנ'ערד-ציטערניש, היינט איז עס א הימעל ערשיינונג...

אבער נישט וועגען די פאסירונגען ווילען מיר דא דערצעהלען. ווען מיר זאלען זיך אריינלאזען אין אזעלכע געשפרעכען, וואלט עס אונז צו ווייט פערפיהרט. מיר ווילען גאר איבערגעבען פשוט כפשוטו, די פאסירונגען, וועלכע געשעהען אין א געוועהנליכען זונטאג, און נישט דארט אין דער וועלט, נאר דא ביי אונז אין הייליגען טשענסטאכאוו.

טשענסטאכאוו איז געווארען לעצטענס זעהר פאפולער אין מדינת פוילען. אלע צוזאמענפאהרען קומען פאר ביי אונז, אנהויבענדיג פון ארבייטער ביז פריצים; אלע האבען זיך פערליבט אין אונזער שטאדט. און, ווי געוועהנליך, בעשטימט מען אט די צוזאמענפאהרען אויף זונטאג.

אלס זונטאג מיט זיינע פאסירונגען האב איך נישט אויסגעקליבען קיין ספעציעלען, נאר א פראסטען זונטאג, דעם ערשטען און בעסטען, אזוי ווי ער געהט און שטעהט, כדי צו בעווייזען, אז אונז, טשענסטאכאווער יודען, איז נישט לאנגווייליג, און אויב מען טאר זונטאג נישט האנדלען און נישט ארבייטען האבען מיר פאר דעם כאטש פערשידענע אטראקציעס.

אלזא, מיר וועלען נעמען זונטאג פרשת ויצא, דעם 7-טען ליסטאפאד פון 1937 טען יאהר.

שוין אינדערפריה האט די זון הערליך געשיינט און געווארעמט, ממש א א זומער-טאג. די ערשטע אלעע ווערט פול מיט יודען. באלד אבער גיט א טיאכקע אין הארצען. אויפ'ן הויז נומר 9 אין דער אלעע הענגט א גרויסע אויפשריפט מיט א ברייטען „ברוך הבא". דאס ווערען אזוי בעגריסט די דעלעגאטען פון די קריסטליכע בעקער-פעראיינען, וועלכע זענען זיך צונויפגעפאהרען קיין טשענסטאכאוו אויף א קאנגרעס. תיכף בעווייזען זיך איינצעלנע גרופען, וועלכע קומען אן פון דער באהן אדער מיט אויטאבוסען. יעדע דעלעגאציע מיט איהר פאהן. נישט זעלטען הערט זיך אויך דאס בעקאנטע ליעדעל: „פרעטש ז'זשידאמי".

אויף דער גאס בעגעגענט מען אויף טריט און שריט פאליציי. יודען הויבען די פלייצעס, ווייסען נישט די בעדייטונג דערפון. באלד קומט א יוד און שושקעט שטיל, אז 10 א זייגער אינדערפריה דארף פארקומען די ענטהילונג פון דער טאוועל, וועלכע מען האט אויפגעהאנגען אויפ'ן נייעם מארק, וואס וועט אנגערופען ווערען אויפ'ן נאמען פון פערשטארבענעם פ.פ.ס.-ישען פיהרער איגנאצי דאשינסקי און אז צו דער פייערונג וועט קומען א פ.פ.ס.-ישע דעלעגאציע מיט רויטע פעהנער. אויב אזוי—האקט איבער א צווייטער יוד—איז גלייכער, אז מען זאל זיך וויניגער דרעהען אין די גאסען, ווייל—רעדט ער נאך שטילער,—די ענדעקעס וועלען דאך מסתמא וועלען פראוואצירען, וועט עס זיכער אויסגעהן צו אונזערע קעפ...

פון דערווייטענס הערען זיך קולות: „גאזעטא נאראדאווא", „אבעצע" און אלס רעפריין קומט דאס גוט בעקאנטע ליעדעל: „וואלקא ז'זשידאמי, פאלסקא דלא פאלאקוב, פאלעסטינא דלא אראבוב, א זשידזי וויטעמפיטש". די דאזיגע קולות ווערען וואס אמאל אלץ חוצפה'דיגער און די שפאצירענדע יודען קורטשען איין די קעפ אין די פלייצעס און ווערען איינציגווייז פערשוואונדען. די, וועלכע זענען נאך געבליבען אין גאס, האבען אומזיסט געווארט צו דערהערען די צייטונגס אויסרופען פון אנדערען פוילען. זיי האבען זיך זונטאג נישט בעוויזען אין גאס, אזוי ווי מען וואלט זיי ספעציעל שטום געמאכט אויף דעם טאג...

פונדערווייטענס הערען זיך די קלאנגען פון אנ'ארקעסטער, ווייסט מען נישט וואס פארע טענער דאס זענען: צי איז דאס פון ריין-קריסטליכען בעקער צוזאמענפאהר, אדער פון די פ. פ. ס. דערווייל אבער, פאר זיכערקייטס-וועגען, רוקען זיך די נאך איבערגעבליבענע שפאצירענדע יודען אין די טויערען אריין. ערשט, ווען ס'דערנעהנטערען זיך די רויטע פעהנער, נעמען זיך יודען אן מיט מוט און קריכען צוריק ארויס אין גאס, אבער נאך מיט א סך פארזיכטיגקייט.

ווען די פ.פ.ס'שע מאניפעסטאציע קומט צו צום נייעם מארק, הויבט אן טריפען א דין רעגענדיל, וועלכעס ווערט וואס אמאל אלץ שטארקער און גרעסער. עס הערען זיך די ערשטע רייד פון דער טריבונע. פונדערווייטענס הערען זיך נאך די קולות פון די „א-בעצע" און „ארענדאווניק"-פערקויפער און די יודען ווייסען נישט וואס צו טהון: בלייבען און אויסהערען אדער גאר זיך בעהאלטען — שטעהען זיי ווי אויף שפילקעס. מיט די פיס שטעהען זיי צווישען עולם, מיט די אויערען הערען זיי די רעדנער פון דער טריבונע, נאר זייערע אויגען קוקען כסדר אויף די ארומיגע טויערען, אז ביי דער ערשטער סכנה, זאלען זיי נישט בלייבען הינטערשטעליג...

דער רעדנער אויף דער טריבונע דונערט מיט דער באסאווער שטימע. ער דערצעהלט, אז דער שטאדט-ראט האט אנגענומען דעם בעשלוס אנצורופען דעם נייעם מארק אויפ'ן נאמען פון דאשינסקי, האבען זיך אלע ראטמענער אויפגעהויבען פון די ערטער, אבגעגעבען כבוד דעם העלד און קעמפער פאר אנ'אונאבהענגיג פריי פוילען, נאר די ענדעקעס זענען געבליבען זיצען ווי צוגעשמידעטע צו זייערע בענקלעך. פון דער מאסע שרייט עמיצער אויס: „פרעטש ז'ענדעציאן". דער עולם שרייט „פרעטש". פלוצלינג ווערט א געלויף אין די טויערען אריין, עס ווערט א שטיקעל סומאטאכע, און ווען דער עולם בערוהיגט זיך, ווייזט זיך ארויס, אז עס האט קיינער נישט געיאגט, נאר דאס האבען די יודען זיך דערשראקען פאר'ן „פרעטש" און אנגעהויבען צו לויפען — האלטענדיג, אז אויב מען שרייט „פרעטש", מיינט מען דאס בעשטימט נור די יודען...

דער סוף איז געווען, אז די מאניפעסטאציע איז אדורך רוהיג און ווען אלע זענען זיך שוין צוגעגאנגען, זענען די יודען איינציגווייז ארויס פון די טויערען, אויפגעהויבען די אויגען צום נאסען הימעל און שטיל גומל-געבענטש, וואס ס'איז אדורך מיט חסד...

צוקוקענדיג זיך צו די יודען, און צו זייערע דערשראקענע פנים'ער, וועלכע לעבען אין איין פחד, האט מיך בעהערשט א טיפער וועהטאג און גלייכצייטיג א בושה און כ'האב בעשלאסען כאטש אויף א קורצע ווייל צו ענטלויפען פון דער שטאדט.

איך בין ארויף אויף א שטאדטישען אויטאבוס, וועלכער האט מיך געפיהרט צוזאמען מיט נאך פערבעטענע געסט אין זקנים און יתומים-הויז, וואו ס'איז פארגעקומען א פייערונג לכבוד דער 20-יעהריגער געזעלשאפטליכער טעטיגקייט פון דער פרעזעסין פרוי שטארקע.

זעהענדיג אין אנשטאלט די קליינע יודישע יתומים'לעך, וועלכע ווערען ארומגערינגעלט מיט צערטליכקייט און ווארימקייט, הערענדיג זייערע דעקלאמאציעס און לידלעך, וועלכע רופען און זאגען צו א שענערען ליכטיגערען מארגען, האט מיין שווער געמיט, וואס איז אנגעזאפט געווארען אין שטאדט מיט מרה שחורה און הינטישער פחדנות, זיך אביסעל אויסגעלייטערט און אין הארצען האט אנגעהויבען זיך וועקען א ניי געפיהל, אז נישט אלע מאל וועט זיין די לופט פאר אונז יודען אזוי דריקענד, אז ס'וועלען נאך קומען שענערע ליכטיגערע זונטאג'ס, וואס וועלען אנזאגען גוטע בשורות פאר אלע מענשען און אויך פאר אונז יודען בכלל און פוילישע יודען בפרט.

סמאל

אין ערשטען יודישען געטאָ

איינדריקען און בעמערקונגען פון אַ בעזוך אין ווענעציע

(סוף)

שפּאַצירענדיג אַ לענגערע צייט איבער די פינסטערע געטאָ-געסלעך, בעקומען מיר דעם איינדרוק, אַז מיר געפינען זיך אויף אַנ'אינזעל, וואו ס'לעבען בלויז פרויען און קינדער. אין מיטען העלען טאָג זעהט מען בכלל נישט קיין דערוואַקסענע מאַנסלייט אַזוי ווי זיי וואָלטען דאָ לגמרי נישט עקזיסטירט. ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט כאַפּ איך וועגען דעם אַ שמועס מיט אַ געטאָ-פרוי. זי ערקלערט מיר, אַז די דערוואַקסענע מענער פאַרלאָזען בייטאָג דאָס געטאָ, ווייל זיי אַרבייטען אין אַנדערע שטאָדט-קוואַרטאַלען ביי בויען שיפען און אויך אין די גלאָז-און פאָרצעלאַן פאַבריקען, מיט וועלכע ווענעציע איז בעריהמט אין דער וועלט. די פרוי, דערוויסענדיג זיך, אַז איך בין אַנ'עבּרעאָ — דאָס הייסט אַ יוד, איז באַלד געוואָרען העפליכער און היימישער. זי איז גרייט מיר געהן ווייזען די „סינאַגאָגאַ דזשוידאַיקאַ".

בכלל דאַרף מען דאָ בעמערקען, אַז די ווענעציאַנער יודען בענעמען זיך זעהר פריינטליך לגבי אַ מזרח-אייראָפּעאישען יוד, וואָס איז אַ זעלטענהייט אין איטאַליע.

מיין בעגלייטערין פיהרט מיך דורך אַ זעהר שמאָל און פינסטער געסיל צו דער סינאַגאָגע. דאָ בעפאַלט מען אייך און מ'רייסט אָב די פאָלעס, נישט לאָזענדיג שטעלען אַ טריט ווייטער, און בלית ברירה מוזט איהר צוטיילען אַ פּאָר צענדליג נדבות. ס'רוב „איבערפאָלערס" און „טאַשען-רייסער" זענען טאַקי קינדער, וואָס שרייען צו אייך „דזשודי שאַלאָם", געבענדיג אייך אַזוי אַרום צו פערשטעהן, אַז זיי זענען מיט אייך עפּיס שטיקלעך מחותנים, געהערענדיג צום פאָלק ישראל. די דאָזיגע ווערטער בענוצען אויך אַ סך קריסטליכע קינדער, וואָס וואוינען אין די ענגע געטאָ-געסלעך, וועלכע ס'איז פשוט אוממעגליך אונטערצושיידען פון עכטע יודישע קינדער, ווענדענדיג מיט דער דאָזיגער יודישער רעקלאַמע אויסשנאָרען אַ פּאָר גראָשען ביי ס'רוב אָנקומענדע יודישע טוריסטען.

אָנקוקענדיג דעם בנין פון דער אַלטער סינאַגאָגע, וואָס אויסערליך אונטערשיידט ער זיך נישט פון אַנדערע הייזער. בלייבט מען עטליכע מינוט שטעהן אויף אַנ'אָרט, טראַכטענדיג בשעת מעשה צי מען האָט אייך אַמאָל נישט אָבגענאַרט. איהר פערליערט שוין אפילו דעם חשק אָנצוקוקען די אַלטע שוהל, וועלכע איז געבויט געוואָרען אין יאָהר 1538.

זאָל זיך אייך אָבער נישט דאַכטען, אַזוי לייכט קומט עס אריינצוגעהן אין דער שוהל. איהר מוזט זיך מטריח זיין און קריכען איבער אַ שפּאָר ביסעל קרומע, צובראָכענע טרעפּ און וואַנדערען דורך פינסטערע קאָרידאָרען, ביז איהר געפינט די שווערע קופּער-געשמידעטע סינאַגאָגע-טירען, איבער וועלכע ס'הענגט אַנ'אויפשריפט אין העברעאיש, אַז דאָ טאַקע איז פאַרהאַן אַ מקום קדוש. ביים איבערטרעטען דעם שוועל פון דער שוהל בעגעגענט אייך אַ פערשוין מיט אַ שוואַרצען פראַק, די ברוסט דעקאָרירט מיט אַ גרויסער ניקלענער בלעך, אויף וועלכער עס איז אויסגעקריצט אין איטאַליעניש „נונציאַ", וואָס עס בעדייט אויף מאַמע לשון: שמש. ער רוקט אייך באַלד אַריין זיין „פינגער" און זעהענדיג פאַר זיך אַ „גרינעם", פון וועלכען מ'קען בעקומען אַ פּאָר ליר, בעגריסט ער אייך מיט „אַ שלום", וואָס קלינגט מעהר שפּאַניאָליש, ווי העברעאיש. ער זעצט פאָר זיין געשפּרעך אין אַ צעבראָכענעם דייטש.

דער וועניציאַנער שמש איז נישט קיין גרויסער למדן, און אַ חוץ „שלום" „עברי אנכי" און נאָך אַ פּאָר געצעהלטע העברעאישע ווערטער, קען ער נישט קיין שייטעל עברי.

איך ראַטעווע דעם נונציאַ פון זיין שווערע לאַגע ביים ערקלערען מיר פערשידענע היסטאָרישע דאַטען און פאַקטען וועגען דער סינאַגאָגע, איבער וועלכער ער, דער נונציאַ, איז דער איינציגער אַפּיטראָפּוס. אַנשטאָט אַ געמיש פון פערשידענע נישט-פערשטענדליכע ווערטער אין העברעאיש, שפּאַניאָליש, כלומרשט דייטש און אַ היבש ביסעל איטאַליעניש אין וועניציאַנער דיאַלעקט, הויב איך אָן מיט איהם צו שמועסען פשוט איטאַליעניש.

דער שמש אָטעמט פרייער אָב און זיין ספרדיש אליוו פנים בעקומט גאַר אַנ'אַנדער קאָליר.

קודם כל דערוויס איך זיך די גאַנצע געשיכטע פון אָט דער אַלטער שוהל און בעקום אַ שפּאָר ביסעל אינפאָרמאַציעס וועגען יודישען געטאָ אין ווענעציע. אינעווייניג איז די שוהל געבויט אין אַנ'אָוואַל פאָרם, ווי די מערהייט ספרדישע שוהלען. מיין אויפמערקזאַמקייט ציהט צו די מזרח וואַנד פון דער אַלטער שוהל, וואו עס געפינט זיך דער פּראַכטיגער ארון קודש מיט זיין קונסט רייכער שניצעריי און פערשידענאַרטיגסטע אַרטיסטישע בעציהרונגען. ער איז בעפּוצט מיט אַ פיל-פאַרביגען, מיט גאָלד-דורכגעהאַפטענעם וואונדערבאַרען פּרוכת. די דאָזיגע אויסערגעוועהנליכע קונסט-שאַפע, די מאָזאַאיק פון קאָלירען און פאַרבען פערבלענדעט פשוט די אויגען. יאָ, מיט אַזאַ קונסט-אַנטיק מעג די וועניציאַנער אַלטע שוהל שטאָלצירען, ווייל אין אַ סך פון אונזערע בעריהמטע געטאָ-שוהלען איז אַזעלכעס נישט פאַרהאַן.

נישט ווייניגער אימפּאָזאַנט זעהט אויס דער עמוד, איינגאַנצען פון צעדער-האָלץ מיט זיינע ממש צויבערהאַפטע בעגילדעטע שניצערייען. ס'איז אַ מייסטער-ווערק פון אַנ'אומבעקאַנטען, טאַלאַנטפולען געטאָ-קינסטלער, וועלכער האָט געלעבט אין 16-טען יאָהרהונדערט. פון דעמזעלבען אומבעקאַנטען קינסטלער פערמאָגט נאָך די שוהל אַ פּראַכטפולע צעדער-הילצערנע ספרים-שאַנק, אין וועלכער עס שטעהען אַ היבש ביסעל ספרים אַנטיקען, וואָס זייער ווערט איז אָן לשער. נאָהנט נעבען ארון-קודש ווייזט דער שמש אָן אויף אַ פּאַטעל, אויף וועלכען עס איז געזעסען דוד יצחק אברבנאַל, דער געוועזענער פינאַנץ-מיניסטער פון פערדינאַנד און איזאַבעלאַ. אַנטלויפענדיג פון שפּאַניע קומט אברבנאַל קיין וועניציע, וואו ער ווערט אין אַ קורצער צייט דער הויפט בעל-יועץ ביים דעמאָלדיגען פירשט און ראש-הקהל פון דער קהלה. דערנעבען שטעהט אַ צווייטער פּאַטעל, אויף וועלכען ס'איז געזעסען דון יוסף נשיא, דער בעריהמטער אין מיטעלאַלטער יודישער דיפּלאָמאַט פון טערקיי, פירשט פון נאַקסאָס, וועלכער האָט געהאַלטען ביים ווערען קעניג פון ציפּערען.

נאָך אַ סך בעריהמטע פּערזענליכקייטען פון דער יודישער געשיכטע האָבען, ווי דער שמש ערקלערט, געדאַווענט אין אָט דער אַלטער געטאָ-שוהל פון וועניציע, וואָס איז מיט רייכע אינערליכע איינריכטונגען אַ פולער קאָנטראַסט צו דער אָרימער אויסערליכקייט. עס איז אַ וואונדערבאַרער מוזעאום. די אָנגעזאַמעלטע געשיכטע און גאָלד-געהאַפטענע פּרוכת'ן, תורה-מענטעלעך, זילבערנע עטרות און אַנדערע ספר-תורות-בעציהרונגען, מנורות, שבת-לאָמפּען, קידוש און הבדלה-בעכערס און אַ סך אַנדערע שוהל חפצים גיבען אונז נאָך היינט אַ גענוי בילד און טאַקי די איינציגע מעגליכקייט צו דערגעהן, ווי אַזוי עס האָט אַמאָל ביי יודען בכלל און וועניציאַנער געטאָ בפרט געבליהט און זיך ענטוויקעלט די יודישע קונסט.

ביים פערלאָזען די שוהל טרייסט מיך איהר אַפּיטראָפּוס, דער „נונציאַ", אַז שבת אָדער יום טוב איז די שוהל געפּאַקט פון מתפללים. דערפאַר אָבער אין וואָכענדיגען טאָג בלייבט זי איינזאַם. און ווען עס קומט טאַקע אַזאַ גליקליכער און וויכטיגער יום טוב, דאַמאָלס קלויבען זיך צונויף און שטראָמען פון אַלע 118 אינזלען, וואָס בילדען די שטאָדט רייכע און אָרימע יודען צוריק אין געטאָ, אין זייער אַלטער שוהל אַריין. דאָס געטאָ איז נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג פערבליבען דער גייסטיגער צענטער פון דאָס דאָרטיגע פיגעלע יודישקייט, די אַלטיטשקע הונדערט-יאָהריגע מיטער פון די וועניציאַנער יודען... דאָס ערשטע יודישע געטאָ אין דער וועלט, וואָס געפינט זיך היינט צווישען די שענסטע און רייכסטע קוואַרטאַלען פון דער וואונדערבאַרער וועניציע איז נאָך פערבליבען גאַנץ, כמעט נישט גערירט סיי אויסערליך און סיי אינערליך, אַזוי ווי עס איז „בעשאַפען" געוואָרען אין פינסטערען מיטעלאַלטער...

פראַגען פון אויפבוי

דער לעצטער (8—7) נומער פון זשורנאַל „פאָלקס-הילף", איז איינגאַנצען געווידמעט די פראַגען פון אויפבוי-אַרבייטען.

אַלע אַרטיקלען רעדען אַרום די איפּטוען פון „צעקאָבע" אויפ'ן געביעט פון שאַפען קאָנסטרוקטיווע אַרבייט פאַר דער יודישער בעפעלקערונג. אונז ווערט נאָך אויסקומען צו בעריהרען דעם אינטערעסאַנטען מאַטעריאַל פון די בעריכטען וועגען דער אָבגעשטאַנענער אַרבייט.

מיר וועלען איצט ברענגען פאַר אונזערע לעזער איינינע אויסצוגען פון ערשטען אַרטיקעל אין דעם נומער, געשריבען דורך י. גוטערמאַן.

דער מחבר בעטאָנט, אַז די אַרטיקלען אין נומער גיבען נישט קיין טעאָרעטישע בעגרינדונגען פאַר פראַגען פון אויפבוי נאָר בעהאַנדלען אויסשליסליך די פּראַקטישע דערגרייכונגען אויף דעם געביעט. די ערשטע רעזולטאַטען, וואָס זענען דערגרייכט געוואָרען ביים רעאַליזירען דאָס פּראָגראַם פון „צעקאָבע" פאַר שאַפען קאָנסטרוקטיווע אַרבייט פאַר דער יודישער בעפעלקערונג.

„...און זאָל דאָ דערמאָנט ווערען, אַז די אַרבייט, וועגען וועלכער עס ווערט דאָ בעריכטעט, איז געפיהרט געוואָרען ביי גאָר גרויסע שטערונגען און דעריבער זענען די געבראַכטע רעזולטאַטען נאָך מעהר ווערטפול און אָנגעלייגט. מיר דערמאָנען אין די שוועריגקייטען פון אויסען, אין די נייע קאַלטע ווינטען, וואָס האָבען פערגליווערט די צוזאָגען וועגען וואַרימער אונטערשטיצונג. אַזוי אַז די געלדער אויף וועלכע מען האָט גערעכענט פון דרויסען ביים פּראָקלאַמירען די אַקציע זענען נישט ערהאַלטען געוואָרען. אפילו די געלדער, וועלכע זענען געקומען דורך דער יודישער געזעלשאַפט, האָבען נישט געקענט פערווענדעט ווערען אויפ'ן בעשטימטען צוועק און זענען צוליעב אַ רייהע אומשטענדען געבליבען ליגען אין פאָרם פון מלוכה-פּאַפּירען און אַזוי אַרום האָט די אַרבייט געקאָנט געפיהרט ווערען נאָר אויף די געלדער פון „דזשוינט", ד. ה. נישט אין פולען פערנעם.

„עס האָבען אָבער אויך נישט געפעהלט קיין אינערליכע מניעות און שטערונגען. אפילו אַ טייל פון אונזערע איבערגעגעבענע טוער זענען פון אָנהויב בנוגע די נייע אַרבייטען געווען בעהערשט דורך סקעפּטיציזם און אונגלויבען. מען האָט אונז גראָטען זיך האַלטען ביי דער גוטער אַרבייט פון די קאַסעס און נישט ריזיקירען מיט זוכען נייע וועגען.

„עס האָט זיך ווירקליך געפאָדערט מיעל מוט, גלויבען און אויסדויער און דער עיקר פאַראַנטוואָרטליכקייטס-געפיהל און אָנבליק פון דער איצטיגער לאַגע, כדי גובר זיין אַלע מניעות און דערפיהרען די אַרבייט צו דעם צושטאַנד, אין וועלכען מיר שטעלען זי איצט פאַר פאַר דער יודישער עפענטליכקייט.

„מיר דערמאָנען וועגען דעם אַלץ, ווייל אויך פון דעם קען מען ציהען אַ מוסר-השכל — נישט צו אָנערקענען קיין מניעות און קיין מניעות וועלען נישט עקזיסטירען.

„דער בעריכט נעמט אַרום די אַרבייט אין כמעט 70 שטעדט און איבער 1.000 פאַמיליעס, וואָס האָבען געקריגען נייע בעשעפטיגונגען אָדער האָבען פערבעסערט זייער לאַגע אַ דאַנק דער נייער אַרבייט.

„רעזולטאַטען זעהר בעשיידענע און שוין לגמרי נישטיגע אין פערגלייך מיט דער צאָהל אַרויסגעשטויסענע פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, וועלכע נויטיגען זיך אין דער הילף פון דער אויפבוי-אַקציע.

„די אָנגעגעבענע רעזולטאַטען פון דער אויפבוי-אַקציע דאַרפען אָבער נישט בעטראַכט ווערען נאָר פון שטאַנדפּונקט וויפיעל פאַמיליעס עס האָבען שוין צו היינטיגען טאָג פון איהר גענאָסען.

„די דערגרייכטע רעזולטאַטען פון שוין איינגעאָרדנעטע פאַמיליעס זענען איינציייטיג רעזולטאַטען פון נייע פּרובען, רעזולטאַטען פון אַ רייהע עקספּערימענטען אויף פערשידענע ווירטשאַפטליכע געביטען. אַ סך-הכל פון אַ גרויסער און פערשידענאַרטיגער ערפאַהרונג, וואָס קען און וועט אָנגעווענדעט ווערען נישט פאַר איין טויזענד פאַמיליעס אין דער צוקונפט.

די טעקסטיל-פאַבריקען אין לאָסק און אין פאַביאַניץ, די זאַקען-פאַבריק

וואָס געהערט, וואָס געזעהן,

ווער דען האַקט אויס די בית-המדרש שויבען?...

אַ טשעקאַווע זאַך: די שויבען פון בית-המדרש „אהל נחום", ווערען כסדר אויסגעהאַקט און ס'איז נישטאָ קיינמאָל דער, ווער ס'האַקט זיי אויס... וואָרום, ווי קאָן מען זיך דאָס פערשטעלען, אַז מען זאָל כסדר בעגעהן אַ פערברעכען און מען זאָל נישט פאַקען דעם פערברעכער... סיידען, אפשר, אַז די שויבען ווערען אויסגעבראָכען דורך שדים...

פון דער גאַנצער צייט, וואָס די שויבען ווערען צוטראָסקעט, איז געלונגען די פּאָליציי אויפצוזעצען אויף דער בעשולדיגונגס באַנק סך הכל דריי חברה לייט, יונגלעך אין עלטער פון 12—13 יאָהר. היות, ווי קיין פערטיידיגער האָבען זיי נישט געהאַט, האָט מען זיי צוגעטיילט אַנ'אַדוואָקאַט אַמטליך. לכתחילה, איז דאָס געווען דער יודישער אַדוואָקאַט, נאָר דער לעצטער, דערוויסענדיג זיך וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך, האָט זיך זעהר שעהן בעדאַנקט פאַר'ן כבוד און זיך העפליך אָבגעזאָגט פון דער מצוה. האָט מען זיי בעשטימט אַ צווייטען פערטיידיגער, נאָר דער פּראָצעס איז צוליעב פאָרמעלע טעמים אָבגעלייגט געוואָרען אויף אַ צווייט מאָל.

מיט אַ שעה שפּעטער בין איך צופעליג געווען ביי די ברידער שפּאָלטען, איז אַריינגעקומען אַ מוטער פון איינעם פון די בעשולדיגטע און זיך געשוואוירען בכל השבועות, אַז איהר זוהנדעל האָט נישט געוואָרפען קיין שטיינער אין די בית המדרש פענסטער, זי אַליין אַרבייט שטענדיג ביי יודען און נור אַ דאַנק יודען האָט זי אַ שטיקעל פרנסה, קאָן דעריבער נישט מעגליך זיין, אַז איהר'ס אַ קינד זאָל האַקען יודישע שויבען, איבערהויפּט אין אַ בית תפילה, אמת,—איז זיך די קריסטין מודה, אַז איהר יונגעל האָט זעהענדיג, ווי אַנדערע יונגלעך וואָרפען שטיינער אין די פענסטער אויך געוואָרפען שטיינער, אָבער דאָס אין דער אוביקאַציע און קיינמאָל נישט אין די פענסטער, דעריבער בעט זי, אַז מען זאָל צוריקציהען די בעשולדיגונג געגען איהר אונשולדיגען 14-יעהריג יונגעל.

ה' שפּאָלטען האָט דער קריסטין געענטפערט, אַז נישט ער האָט געמאַכט די בעשולדיגונג און נישט ער קאָן זי צוריקציהען, אַז דאַסמאָל האָט די בעשולדיגונג אַריינגעטראָגען די פּאָליציי. נאָר נישט דאָס איז וויכטיג, זאָל זיין, אַז די קריסטין, די מוטער פון דעם בעשולדיגטען איז גערעכט, אַז איהר זוהנדעל האָט טאַקי נישט געוואָרפען אין די שויבען, נאָר אין דער אוביקאַציע, טאָ איז דאָך די פראַגע, צו אַלדע גוטע יאָהר, ווער דען האַקט אויס די בית-המדרש שויבען?...

איבער יודען מעג מען דאָך חוזק מאַכען...

טאָמער בעליידיגט מען דיך אין דער גאַס, מוזטו, דו הערסט, מוזטו פערבייסען די ליפּען און נישט ענטפערען, ווייל—ווייל דו קאָנסט קיינמאָל נישט וויסען מיט וואָס אַזאַ ענטפער קאָן זיך ענדיגען...

היות אָבער ווי די גאַס ווייסט שוין, אַז בזמן הזה קאָן מען פריי און פראַנק אָבשפּעטען פון יודען, נוצען „זיי" דאָס אויס אין דער גאַנצער מאָס.

כ'וועל ברענגען איין קליינעם פאַקט פון אַ סך:

אַז יודען ווערען בעוואָרפען מיט שטיינער, בעת זיי פאָהרען אויפ'ן בית עולם, איז שוין אַ בעוואוסטע זאַך. נאָר הפנים דאָס שטיינער וואָרפען איז יענע לייט שוין מיאוס געוואָרען, האָבען זיי אויסגעטראַכט אַנ'אַנדער מיטעל, אמת, נישט קיין דראַסטישעס, קיין צוברעכענעם קאָפּ קאָן מען דערפון נישט האָבען, דערפאַר אָבער איז עס ערנידערונג, חוזק-מאַכעריי אויפ'ן העכסטען גראַד.

אויפ'ן וועג, וואָס פיהרט צום בית עולם, ווערען אויפגעבויט פאַבריקס-הייזער. האָבען די אַרבייטער, זעהענדיג, אַז ס'פאָהרען אָן עטליכע ברישטשקעס מיט יודען, אָוועקגעשטעלט אין דער גאַנצער ברייט פון וועג אַ פוהר מיט זאַמד. ווען די ברישטשקעס האָבען זיך דערנעהנטערט, האָבען די יודען זיך געוואָנדען צו די אַרבייטער, זיי זאָלען די פוהר אָוועקפיהרען. די אַרבייטער אָבער האָבען זיך נישט געמאַכט הערען וועלענדיג זיך אַזוי-אַרום פערוויילען אויף די יודענס חשבון; די יודען ווידער, מורא האָבענדיג, אַז ס'זאָל זיך נישט ענדיגען מיט קלעפּ און מיט אַ מעסער אין דער זייט, זענען שנעל אַראָב פון די ברישטשקעס און אָנגעהויבען צו געהן צו פוס. די בעלי עגלות אָבער זעהענדיג, אַז זיי וועלען פערלירען זייער פוהר-געלד, זענען אָוועק צום מייסטער און זיך געבעטען ממש מיט טרערען אין די אויגען, אַז מען זאָל זיי נישט אוממעגליך מאַכען. ערשט דאַמאָלס, האָבען די קריסטליכע אַרבייטער בעוויליגט אָוועקצונעמען די פוהר מיט זאַמד.

די יודישע פּאַסאַזשירען זענען דערווייל אָבגעלאָפען אַ שטיקעל וועגס צו פוס און ביים אַלגעמיינעם געלעכטער פון די אַרבייטער, וועלכע האָבען בייגעוואוינט אַזאַ הערליך ספּעקטאַקל, האָבען די בעלי עגלות צוריק אַרויפגענומען די יודישע פּאַסאַזשירען אויף די ברישטשקעס.

אָט דאָס איז איין קליינער פאַקט פון אַ סך, וואָס בעווייזט ווי אַזוי מען מאַכט זיך חוזק איבער יודען.

שלום צווישען די סקערניעוויצער און לוויטשער...

ביז נישט לאַנג איז דאָס חסידים-שטיבעל אויף בערקאַ יאָסעלעוויטשאַ 8 געווען בעקאַנט אַלס סקערניעוויצער שטיבעל, כאָטש דאָרט האָבען געדאַווענט אויך לוויטשער חסידים. די סקערניעוויצער האָבען אָבער פערכאַפּט די מאַכט, געהאַט זייער גבאי און געהאַט די לוויטשער אין לויוויטש...

לעצטענס אָבער האָט די „נאַציאָנאַלע" אידעע פון די לוויטשער אָנגעהויבען צו ערוואַכען און זיי האָבען זיך אָנגעהויבען צו בונטעווען. פאַר וואָס—האָבען די לוויטשער גע'טענה'ט—קומט די סקערנעוויצער אַלץ, און אונז לוויטשער, וועלכע צעהלען 50 פּראָצענט פון די חסידים, קומט גאָרנישט. הקיצור, די לוויטשער האָבען געמאַכט אַנ'אויפשטאַנד און ס'איז זיי געלונגען צו פערכאַפּען די מאַכט, זיי האָבען נאָמינירט זייער'ס אַ גבאי דעם ה' יחיאל שמואל, וועלכער האָט אָנגעהויבען צו פיהרען דאָס גבאות ביד רמה, מיט נעמען טלתים און אַנדערע סאַנקציעס. די סקערנעוויצער האָט די מעשה נישט געשמעקט, האָבען זיי גערופען אויף זונטאָג אַנ'אַסיפה, וואו מען האָט געהאַלטען פייערדיגע פּאָליטישע רעדעס, וועגען דעמאָקראַטיע און דיקטאַטור, וועגען פּראָפּאָרציאָנעלע און אַלגעמיינע וואַהלען, וועגען דער קאָנסטיטוציע און רעגולאַמין, ביז ענדליך, מ'איז געקומען צו אַ הסכם, אַז אַנשטאַט, וואָס ביז איצט איז געווען איין גבאי, זאָלען פון איצט אָן זיין גאַנצע צוויי גבאים—איינער אַ סקערניעוויצער און איינער אַ לוויטשער ובשטיבעל על רחוב יאָסעלעוויטשאַ 8 שלום ושלוה אמן...

שוין איינמאָל אַ מאָטעלע...

איהר האָט מסתמא געלעזען שלום עליכם'ס מאָטי פייסי דעם חזנ'ס. דער וועוורייק מאָטעלע קעהרט אַ וועלט און איהר בעקומט אַ סימפּאַטיע צו דעם קליינעם חברה מאַן.

אין טאָמאַשאָוו, די האַנדווערקער-פער-איינינגונגען אויף פערשידענע געביטען: די סטאָלערס אין טאַרנאָפּאָל, די קיזש-נער און היטעל-מאַכער אין ווארשא, די בערשטען-ארבייטער אין פּשיטיק און אין טשיזשעוו וואס אַרבייטען אויף עקספּאָרט — דאָס זענען דערגרייכונגען, וואָס ענטהאַלטען אין זיך מעגליכקייטען פון אַרבייט פאר נייע און נייע קאַדרען, וועלכע קענען נאָך איצט נישט באצייכענט ווערען מיט צאָהלען, פאַר וועלכע דער וועג איז אַבער שוין אויס-געטרעטען און צוגעגרייט.

„און נאך א זאך, וואס איז פון גאַר גרויס וויכטיגקייט, די דערגרייכטע שוין איצט רעזולטאַטען שאפען א יסוד און בעגרינדען דעם נייעם צוגאַנג צו דער פראגע פון פּראָדוקטיוויזירען די יודישע מאַסען.

„אונזער ביז איצטיגע ארבייט האט בעשיינפערלעך בעוויזען, אז מען קאָן דערגרייכען געוויסע רעזולטאטען ביים איינאָרדנען מענשען פּראָדוקטיוו נישט נאָר דורך דערציהען און בילדען זיי פון קינדוויין אָן, ווייל נאָר אזוי האט מען ביז איצט פערשטאַנען דאָס פּראָ-בלעם פון פּראָדוקטיוויזאַציע.

„אונזער צייט אָבער פון שנעלער אַרויסשטויסונג פאדערט אויסער די דאָזיגע מיטלען אויך גיכע מיטלען, ווייל מיר קענען נישט ווארטען אויף לעתיד לבוא. 60 מענשען. וואס אַרביי-טען און פערדינען אין שטאָדט פון חורבן, אין טשיזשעוו איז אַ דערגריי-כונג, וואס עפענט מעגליכקייטען פון גרויסער אַרבייט, וואס דערמונטערט און שטאַרקט אונזער אַבוועהר-קראַפט. די פערבעסערונג פון דער לאַגע אין אַ רייהע האַנדווערקער - פאַכען דורך שאַפען פעראייניגונגען — עפענט פאַר אונז נייע האָריזאָנטען און אַ גאַר ברייט פעלד פאר אַ גרויסצוגיגער אַר-בייט.

„דאס זעלבע איז אויך מיט עקס-פּאָרט-מעגליכקייטען א. א. וו. אַלזאָ — אונזער ביז-איצט אָבגעטהוענע ארבייט עפענט נייע וועגען און מעגליכקייטען פון שנעלער ראַציאָנעלער און פּראָדוק-טיווער הילף, אַ זאַך וואס דאַרף דער-מוטיגען און אויפוועקען נייע כחות צו דער ארבייט.

„און נאך אַ זאַך האָבען מיר צו לערנען פון די ביז-יעצטיגע רעזולטאַ-טען פון אונזער אויפבוי-אַרבייט און נעמליך:

„אויס מיט דעם זוכען פלענער פון קאָנסטרוקטיווער הילף פאר פּוילישע יודען, וואס זעהט אויס ווי עפּיס אַנ'-אונבעקאַנטע כמעט מיסטישע זאַך, וואָס מען דאַרף ערשט ענטדעקען! אין הונ-דערטער שטעדט — הונדערטער מעג-ליכקייטען פון קאָנסטרוקטיווער אַרבייט.

עס זענען פערשידן, די מעגליכקייטען ווי פערשידען עס זענען די געביטען, אויף וועלכע עס אַרבייטען מענשליכע הענד.

„אונזער ביז-איצטיגע ארבייט האט דערוויזען, אז עס איז נישט נויטיג און אויך אַבסאָלוט נישט מעגליך קיין איינ-הייטליכער פּלאַן פאַר אלע שטעדט אין פּוילען. א טעקסטיל-פאַבריק איז מעגליך דוקא אין לאָסק, וואס געפינט זיך אין טעקסטיל-ראַיאָן,—וואס האט אָבער אליין נישט געהאט קיין טעק-סטיל-פאַבריקאַציע, ווי פאַדהייצע למשל איז אַנ'אָרט, וואס איז פּאַסענד פאַר קאָנסערווירען פרוכטען אָדער כמיעלניק פאַר האָדעווען גענז א. א. וו.

„זוכען פּלענער? טאָג-טעגליך ווענ-דען זיך צו אונז בעקער, וואס מוזען צופאַסען זייערע בעקערייען צו די פערפליכטענדע פאַרשריפטען, אָדער מילך-פּראָדוצענטען, וואס אָהן שנעלער הילף פערלירען זיי זייער עקזיסטענץ און דאס זעלבע טויזענדער און טוי-זענדער אנדערע ארבייטס-מענשען, וואס מען קען זיי שנעל ראַדיקאַל און ראַציאָנעל העלפען. אַנשטאַט צו טהון אונזער פליכט צו זיי, זאָלען מיר אוועקזעצען א סנהדרין, וואס זאָל ערשט זוכען פלענער פון קאָנסטרוק-טיווער הילף! נישט קיין פלענער פעהלען אונז, נאָר מיטלען און אָרגאַ-ניזאַציע, דאס זענען די 2 זאַכען, וואס זענען אונז נויטיג ווי לופט צום עטע-מען. און אויף וועלכען ווירטשאַפטלי-כען געביט מען וועט זיי נאָר אָנווענ-דען, וועלען מיר בעקומען גינסטיגע רעזולטאטען, יודען זענען איצט גע-צווינגען צו ארבייטען ביליג און זיי-ערע אויסארבייטונגען קענען דעריבער זיין קאָנקורענץ און עקספּאָרט-פעהיג— דאס קען שאַפען אַנ'אַטעם פּויזע פאַר טויזענדער און טויזענדער פאַמיליעס— אָבער אונז פעהלט אָרגאַניזאַציע און פערשטענדליך אויך געלד. דעם דאָזי-גען אויספיהר קען מען דרייסט מאכען פון דער קורצער פּראַקטיק פון דער אויפבוי-אקציע.

„און צום לעצט—מיר האבען אויך געלערנט, אז די ארבייט קען און דאַרף אינספּירירט און אָרגאַניזירט ווערען פון צענטער. די אויספיהרונג אָבער קען געטהון ווערען, נאָר דורך איבער-געגעבענע אידעאישע מענשען אויף די ערטער. דאָרט, וואו אַזעלכע מענ-שען זענען נישטאָ, וועלען קיין אינ-ספּיראַציעס. קיין אָנווייזונגען פון צענ-טער און אויך קיין מיטלען קיין אר-בייט נישט שאַפען".

דער מחבר דערצעהלט ווייטער פאַר וואָס די ארבייט איז געפיהרט געוואָ-רען דורך די גמ"ח קאַסעס, ווייל, לויט זיין מיינונג, איז קיין ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע נישט קאָנצענטרירט אַזוי-פיעל איבערגעגעבענע אידעאישע עלע-מענטען ווי ביי די גמ"ח קאַסעס. ער מיינט אָבער, אז די גמ"ח קאַסעס זענען נישט די איינציגע אָרגאַניזאַציעס, וואס זענען צו דעם בערופען. די נויט איז אַזוי גרויס, אז עס איז נישטאָ אין די מעגליכקייטען פון איין אָרגאַניזאַציע עס אויסצופיהרען.

דער מחבר רופט אלע גרויסע אָר-גאַניזאַציעס ווי „יקא" און „אָרט", די קאָאָפּעראַטיווע צענטראַלעס, די ווירט-שאַפטליכע פראַט. אָרגאַניזאַציעס און א. וו. אלע דאַרפען צופאַסען און קאָ-אָרדינירען זייער טעטיגקייט פאַר דער דרינגענדיגער גוטיגער הילף.

אשת חיל מי ימצא?!

(צו דער 20-יעהריגער געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט פון פרוי שטאַרקע)

אויף דער לעצטער אַלגעמיינער פערזאמלונג פון „דאָבראָטשינגאָשטש", וואָס איז פאָרגעקומען מיט קנאַפע דריי וואָכען צוריק, איז דערמאנט גע-וואָרען און מען האט בעגריסט די פרוי שטאַרקע פאַר איהר אַקטיווער אַרבייט אויפ'ן געביעט פון „דאָבראָ-טשינגאָשטש" און איבערהויפּט פאַר'ן זקנים-און יתומים-הויז, וועלכען זי האָט געווידמעט 20 יאָהר אונערמידליכע אַרבייט.

אויף דער דאָזיגער פערזאמלונג האָט פרוי שטאַרקע איינגעלאַדען די טשענ-סטאָכאָווער געזעלשאַפטליכע טוער אויף אַ בעזוך אין זקנים-און יתומים-הויז, כדי אַבצונעמען אַ דין וחשבון פון דער אָבגעטהוענער אַרבייט פון די לעצטע 20 יאָהר.

זונטאג, צום בעשטימטען טערמין, האבען זיך צוגעשטעלט איינצעלנע פערזאָנען, דאס רוב איינגעלאַדענע געסט זענען געבליבען אין דערהיים. געווי די סיבה, פאַרוואָס אין דעם אַזוי זעהר אינטערעסאַנטען בעזוך האבען זיך בעטייליגט אַזוי ווייניג מענשען, איז שווער פעסטצושטעלען. מעגליך צוליעב'ן רעגען וועלכער האט דאמאלס פונקט געטריפט און אפשר צוליעב דעם, וואָס אונזערע כלל-טהוער האבען געטראכט, אז מען פאָהרט ארויס אין אַ וואָכען-טאָג אין אַזא אַנשטאַלט, וועט די קעשענע זיך מוזען א טרייסעל גע-בען... הקיצור, אַנשטאַט עטליכע שטאָדטישע אויטאָבוסען, וועלכע זענען בעשטעלט געוואָרען איז נאָר בענוצט געוואָרען איין אויטאָבוס.

אין רעפּרעזענטאַנץ-זאַל האָבען זיך די געסט אויסגעזעצט און פרוי שטאַרקע האט אבגעגעבען א קורצען בעריכט פון דער 20-יעהריגער טעטיגקייט, בע-טענדיג פריהער די געסט צו בעזעהען מיט אויפשטעהן דאס אנדענקען פון די גרינדער פון יתומים-הויז, די וואָר-דע'ס.

מיט 20 יאָהר צוריק — הויבט אָן איהר בעריכט פרוי שטאַרקע — איז צו מיר געקומען די פרוי ווערדע און געבעטען, אַז איך זאָל איהר העלפען פיהרען דאס זקנים-און יתומים-הויז. איך האב די איינלאַדונג גערן אָנגענו-מען.

קומענדיג אין אנשטאלט האב איך איהם געטראָפען אין א זעהר קלאָגע-דיגען צושטאַנד. אין אַנשטאלט האבען זיך דאַן געפינען 4 זקנים און 12 יתו-מים. קיין קוך איז נישט געפיהרט גע-וואָרען, נאָר מען האט יעדען טאָג גע-בראַכט אַ ביסעל געבעקס פון די בי-ליגע קוכען פון שטאָדט. די זקנים זע-נען געגאַנגען בעטלען אין שטאָדט אַריין, די קינדער זענען געגאַנגען נאַ-קעט און באָרוועס, אַזוי, אז זיי האבען ווינטער נישט געקאָנט בעזוכען קיין שולע. טהעע האט מען געמאכט פון געטריקענטע שאָלעכץ פון עפּעל. די געביידע האט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גרויסע אָבגעלאָזענע חורבה.

מיט א שווער הארץ — דערצעהלט ווייטער פרוי שטאַרקע — האב איך זיך גענומען צו דער אַרבייט, עס זע-נען געווען די מלחמה-יאָהרען. פונקט אין יענער צייט האט אמעריקא גע-שיקט קיין פוילען שפּייז פאר אַרימע. נאָך לאַנגע השתדלות'ן איז געלונגען צו בעקומען פאַר'ן דאָזיגען אנשטאלט אַ געוויסע צאָהל פּראָדוקטען, וואט עס איז דאמאָלס געווען א גרויס געווינס. שפּעטער איז אויך געלונגען צו בעקו-מען פון מאַגיסטראַט עטליכע טויזענד זלאָטעס און אזוי כסדר א טריט נאָך אַ טריט, א ציגעל נאָך א ציגעל, איז אויפגעשטעלט געוואָרען אָט דער פּראַכטיגער בנין, וועלכען איהר זעהט איצט.

. זאָל זיך קיינעם נישט דוכטען — זאָגט ווייטער די פרוי שטאַרקע — אַז די ארבייט איז געווען א לייכטע. אויף שריט און טריט זענען געווען מכשולים און נישט נאָר פון פרעמדע, נאָר אויך פון אייגענע. פרוי שטאַרקע ברענגט דערביי אַ פאַקט, אז ווען אין 28 מען יאָהר האָט זי געוואָלט בויען אַ שטאָק, זענען די מיטגלידער פון „דאָ-בראָטשינגאָשטש" אליין געווען דאַגע-גען און בלויז אַ דאַנק דער עקשנות פון פרוי שטאַרקע איז דער בנין אויפ-געשטעלט געוואָרען.

פרוי שטאַרקע מאַכט אַ פּערגלייך צווישען דעם אינוועטאַר, וואס זי האט געטראָפען מיט 20 יאָהר צוריק און דעם אינוועטאַר, וועלכער געפונט זיך היינט; צווישען דעם צושטאַנד פון דער געביידע אין יענע יאָהרען מיט דער פּרעכטיגער געביידע פון היינט, דאַן וועגען פּערסאָנאַל, לעהרע א. ז. וו.

צום סוף דאַנקט פרוי שטאַרקע דער גאַנצער יודישער געזעלשאַפט אין אונ-זער שטאָדט, וועלכע האט איהר אין משך פון די 20 יאָהר מיטגעהאָלפען צו דעם גרויסען הערליכען ווערק.

ד"ר באַטאַוויאַ רעדט קורץ און דריקט אויס א הארציגען דאַנק דער פרוי שטאַרקע פאַר איהר אָפּפערווילי-גער אַרבייט, ווינשענדיג נאָך לאַנגע יאָהרען פון פרוכטבאַרער טעטיגקייט.

די געסט בעזוכען דאַן דעם אַנש-טאַלט, וועלכער מאַכט אויף די אַנווע-זענדע (מאַנכע פון די געסט זענען גע-ווען צום ערשטען מאָל) אַנ'אויסערגע-וועהנליכען איינדרוק. אין גרויסען זאַל אויפ'ן ערשטען שטאָק זענען פּערזאַ-מעלט די יתומים, צווישען זיי אויך אַ סך, וועלכע זענען דאָרט אויפגעצויגען געוואָרען און היינט זענען זיי שוין זעלבסטשטענדיג; אויך זיי זענען געקו-מען בעגריסען דער פרוי שטאַרקע, זייער צווייטע מוטער, צו איהר 20-יעהריגער געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט. זיי דערלאַנגען בלומען און די קינדער זינגען, טאַנצען, דעקלאַמירען יודישע און פּוילישע לידער.

העכער דריי שעה האבען מיר פער-בראַכט אין יתומים-הויז. מיר האבען אויסגעהערט דעם בעריכט פון פרוי שטאַרקע וועגען איהר ארבייט פון די לעצטע 20 יאָהר אויפ'ן געביעט פון זקנים-און יתומים-הויז. מיר האבען בעטראַכט דעם אנשטאלט ווי ער זעהט אויס אונטער דער לייטונג פון פרוי שטאַרקע און מיר זאָגען מיט'ן קלאָרען בעוואוסטזיין, אָהן חניפה, אַז פרוי סאַלאָמעאַ שטאַרקע איז איינע פון די געצעהלטע פרויען פון אונזער שטאָדט, וועלכע האט באמת פערדינט דעם הער-ליכען שבח, וואס שלמה המלך האט בעזונגען א. נ. אשת חיל מי ימצא.

זאָלען זיין געבענשט די הענד פון דער חשוב'ער כלל-טהוערין, און צום צוואַנציג יעהריגען יובל פון איהר היי-ליגער אַרבייט, ווינשען מיר איהר נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָהרען פון פרוכטבאַרע טעטיגקייט אויפ'ן געביעט צו העלפען די אָרימע אומגליקליכע יודישע יתו-מים'לעך.

ש. פראַנק.

מיר טשענסטאכאווער האבען געהאט די געלעגענהייט צו זעהען אָט דעם מאָטעלע מיט די אייגענע אויגען און איהם צו הערען מיט די אייגענע אוי-ערען.

מאָטעלע איז אויסגעוואַקסען, שוין א יוד אין די יאהרען, נאָר די קונדסים-שטיק האט ער נאָך נישט פערגעסען. ער איז געוואָרען א חזן און דאַווענט פאַר'ן עמוד, און כאָטש מאָטעלע איז שוין א יוד מיט א באָרד אין וועלכער עס זילבערן זיך ווייסע פעדים פונ-דעסטוועגען רופט מען איהם נאָך אַלס מאָטעלע.

צו אונז איז ער געקומען דאַווענען א שבת, און היות ווי ער איז א בע-קאַנטער חזן, האט איהם דער שטאדט-חזן כאָלעוואַ צוגעלאָזט צום ברעטיל און ווי-נאָר ער האט זיך צוגעקריגען צום עמוד, האט זיך אין איהם צעוואָ-רעמט די געבליטען און ער האט מרעיש עולם געווען.

מאָטעלע שוואַרצבערג רופט ער זיך, ער איז שטאדט-חזן אין קאַליש, און אַזוי ווי אלע מאָטעלעך, קאָן ער נישט איינזיצען אויף איין אָרט. איהם ציהט אין דער וועלט אריין, ער וויל יודען מהנה זיין מיט זיין קונסט, כאַפּט ער זיך ארויס אויף עטליכע וואָכען איבער די פּראָווינץ-שטעדט פון פוילען און אַזוי-אַרום איז ער אויך געקומען אין אונזער שטאָדט.

אז מאָטעלע חזן איז א קינסטלער, איז א פאַקט. דעם בעסטען בעוויז, אז ער האט צוגעצויגען אלע טשענ-סטאכאווער חזנים, בעלי תפילות, מנגנים און מבינים, וועלכע זענען גע-קומען איהם הערען, און כאָטש ער האט אָבגעהאַלטען דעם עולם שבת ביז 12 א זייגער טיטאָג, האט זיך קיי-נער נישט געריהרט פון אָרט.

מאָטעלע האט זיך אָבער נישט בע-גנוגענט בלויז מיט די שבת'דיגע תפילות, ער האט נאָך געגעבען א צוי-לאָג א זונטאג'דיגען מערבית, ווען ער האט ווידער בעוויזען זיינע חזנ'ישע אַרטיסטישע שטיקלעך, און אוועקגע-פאהרען פון טשענסטאכאוו איז ער מיט א פאָר גילדען קליין געלד.

ווען שלום עליכם לעבט און זעהט וואס עס איז געוואָרען פון זיין מאָ-טעלע, וואָלט ער אויך פון איהם נחת געהאט...

צו זענען יודישע טשאַסטעס אסור בהנאה?

מיט א צייט צוריק איז אין יודישען גימנאַזיום פאָרגעקומען א פערוויילונג. אומאָרגענס נאָך דער פערוויילונג הא-בען זיך צו אונז געוואָנדען אייגענ-טימער פון יודישע צוקערניעס און זיך בעקלאָגט, פאַרוואָס מען האט אויסגע-מיטען צו קויפען טשאַסטעס אין יודי-שע צוקערניעס. דערביי האבען זיי געבעטען, אז מיר זאָלען דאס פערע-פענטליכען אין דער צייטונג, כדי אויף דער צוקונפט דאס אויסצומיידען.

מיר האבען דאס נישט פערעפענ-טליכט, נישט וועלענדיג שאָדען ברענ-גען דעם גוטען נאמען פון נימנאזיום. מיר האבען זיך אָבער פערזענליך גע-וואָנדען צו דער לייטונג פון יודישען גימנאַזיום און זיי דערצעהלט וועגען דער פרעטענסיע פון די יודישע צו-קערניקעס, אויף וואס מיר האבען בע-קומען א ענטפער, אז די טשאַסטעס ווערען נישט געקויפט דורכ'ן גימנאַזיום, נאָר אזוי ווי דער בופעט ווערט צו-זאמענגענומען פון די סימפּאַטיקער און יעדער איינער שענקט פערשידענע פּראָדוקטען, ווערען במילא די טשאַס-טעס מיט'ן צוקערוואַרג אויך געשענקט און דעריבער קאָנען זיי קיינעם נישט דיקטירען, וואו די טשאַסטעס זאָלען געקויפט ווערען.

פערגאַנגענעם שבת איז ווידער פאָר-געקומען א פערוויילונג, אין יודישען גימנאַזיום. די הכנסה פון דער פער-ווייל‍ונג איז בעשטימט געוואָרען אויף אַנ'ערהאַבענעם צוועק—אויסצופּערטיגען די געביידע פון יודישען גימנאַזיום. און ווידער איז דער בופעט געשענקט געוואָרען פון פרייוויליגע מנדבים און ווידער זענען די אלע טשאַסטעס און טאָרטען געקויפט און בעשטעלט גע-וואָרען נישט אין יודישע צוקערניעס און ווידער זענען געקומען די אייגענ-טימער פון די יודישע צוקערניעס מיט א טענה הלמאי מען האט זיי אויסגע-מיטען.

קומען צוגעהן מיט א טענה צו דער לייטונג פון יודישען גימנאַזיום האט נישט קיין זין, ווייל ס'וועט נאָרמאָל איבערגע'חזר'ט ווערען דער זעלבער תירוץ וואס אַמאָל, א טענה צו די מנדבים קאָן מען אָבער יאָ האבען, זיי קאָן מען פאָרוואַרפען, פאַרוואָס זיי, אָט די דאָזיגע כלומר'שט-נאַציאָנאַל-געשטימטע יודען, וועלכע זענען מנדר אויף אזא נאַציאָנאַל-יודישען צוועק, פאַרוואָס—פרעגט זיך—נעמען זיי נישט אין אַכט, אז אין די היינטיגע צייטען, ווען יודישע צוקערניעס ווערען באָי-קאָטירט אויף גאַנצע הונדערט פּראָ-צענט פון נישט יודען, טאָ ווי קאָנען יודען פּיי זיך פּועל'ן זיך אנצושליסען אין דעמזעלבען באָיקאָט. אין דעם פאַל וועלען נישט העלפען קיין שום פוילע תירוצים, עס איז נישט אין אָר-דנונג, פּאַנאָוויע! איהר בעגעהט אַנ'-עולה, א גרויסע עולה געגען אייערע אייגענע ברידער און די מצוה, וועלכע איהר טהוט, בעת איהר העלפט מיט אייערע נדבות צו אזא הייליגען צוועק, ווי דאס איז דער אויפבוי פון א יודי-שען גימנאַזיום, ווערט פערשוועכט דערמיט, וואס איהר מיידט אויס, פונקט ווי די גרעסטע אנטיסעמיטען, יודישע אונטערנעמונגען.

כ'ווייס נישט ווי כ'זאָל דאס אָנרו-פען: שמענדריקעס אָדער גלאַט טפשות, א פאַקט איז אָבער, אז איהר האט געטהון שלעכט.

די יודישע צוקערניקיזם קומען און פרעגען: צי זענען יודישע טשאַסטעס אויף א יודישער אונטערנעהמונג אויך אסור בהנאה?...

אויך זיי זענען גלייכגעשאלטעט...

אַמאָל ערשט נישט לאַנג זענען אין די פערשידענע צוקערניעס און רעס-טאָראַנען געווען בעשעפטיגט יודישע מוזיקער. די בעזוכער האבען גאָרנישט געהאט דאָגעגען און אויך די אייגענטי-מער זענען געווען צופרידען. פערהאָ-נען אפילו אַזעלכע יודישע מוזיקער, וועלכע האבען געאַרבייט אויף איין אָרט א צוויי צענדליג יאהרען. זענען אָבער אָנגעקומען די פּרישע ווינטען, האבען זיי אויך געטראָפען די יודישע מוזיקער און זיי פערשאַדט.

צום היינטיגען טאָג איז כמעט שוין נישט פערהאַנען קיין יודישער מוזיקער, וועלכער זאָל זיין בעשעפטיגט אין אַ קריסטליכער צוקערניע אָדער רעסטאָ-ראַן. דער איינציגער יוד, וועלכער האָט זיך נאָך געהאַלטען אין דער רעסטוי-ראַציע „פאַריסקאַ", איז פון ערשטען פון היינטיגען חודש אויך בעפרייט גע-וואָרען פון דער ארבייט.

אַזוי אַרום זענען אלע יודישע מוזי-קער בעירנו געוואָרען אַרבייטסלאָז. פרנסה דאַרף אָבער האבען אפילו א יוד אויך, האבען זיי בעשלאָסען איינ-צואָרדנען אויף דער אייגענער האַנד א שטיקעל אונטערנעהמונג. דהיינו: זיי האבען אָבגעדונגען דעם אויבערשטען זאַל פון „גראַנד-קאַפע" רוג פּילסודסקי, וואו ס'וועלען פאָרקומען קאָנצערטען און דאַנסינגען.

די יודישע מוזיקער ווילען האָפען, אז די יודישע יוגענד, וועלכע האט א הנאה פון מוזיק און פון א טענציל, וועלען פון היינט-אָן פערברענגען נאָר אין זאַל, וואו עס וועלען שפּילען די יודישע מוזיקער, וועלכע זענען לעצ-טענס געוואָרען גלייכגעשאַלטעט...

אמת, מיר פּרעדיגען נישט די לאָ-זונג פון „סוואָי דאָ סוואָגאָ" אין דעם פאַל אָבער ערפולען מיר נאָר א מענ-שליכען חוב, ווען מיר זאָגען, אז די יודישע יוגענד דאַרף מיט אלע כחות אונטערשטיצען די יודישע מוזיקער, נאָר דערפאַר, ווייל זיי זענען געפאַלען א קרבן פון מענשליכער רשעות און טפשות.

לויתן

בישט צום גוטצן פאר דער זאך

מיר האבען שוין אנומפלט דערמאנט דעם מנהג וואס איז לעצטענס איינגעפיהרט, אונטער הער השפעה פון „אזאן" צו דערמאהנען און ארויסרוקען אומעטום די פוילישע ווירטשאפטליכע פעראיינען און פריווילעגירען זיי מיט פערשידענע זארגענישען און דערביי איגנארירט מען אינגאנצען די יודישע פעראיינען, ווי זיי וואלטען גארנישט עקזיסטירט.

מ'קען עס בעמערקען בעזונדערס אין פוילישען ראדיא אין די ספעציעלע ווירטשאפטליכע אוידיציעס, וועלכע האבען א גאר גרויסע בעדייטונג פאר דער ענטוויקלונג פון האנדעל און מלאכה אין לאנד.

דא ווערט אלעמאל געשילדערט אן'אנדער פאך אדער בראנזשע, רעקלאמירט פערשידענע אויפארבייטונגען געלערנט ווי זיי צו פערבעסערן, דערביי ווערט שטענדיג גערעדט וועגען פוילישע פעראיינען און ארגאניזאציעס, אנווייזענדיג אויף זייערע אדרעסען.

מיט א צייט צוריק איז אין ווארשא פארגעקומען דער אלפוילישער צוזאמענפאהר פון פוילישע האנדווערקער, וואס האט איבערגעלאזט א מעכטיגען רושם אין לאנד און אויסלאנד.

איצט ווערט דערצעהלט וועגען א גרויסען קאנגרעס פון פוילישען סוחרטום, וואס דארף פארקומען אין דער רעזידענץ, און וועלכער וועט האבען די זכיה, בעזוכט צו ווערען אויך דורכ'ן מלוכה-פרעזידענט.

דאס אלץ איז א זעהר שעהנע און וויכטיגע ערשיינונג. ס'איז די אויפגאבע פון דער פוילישער געזעלשאפט, רעגירונג און פון אלע מלוכה'שע, קאמונאלע און געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס און מאסגעבענדע פאקטארען, צו שטיצען דעם פוילישען האנדעל. די פוילישע מלאכה און העלפען זייער ענטוויקלונג און פערשפרייטונג.

בעזונדערס איז די דאזיגע טעטיגקייט געווארען וויכטיג אין די לעצטע יאהרען פונ'ם היפערטראפירטען נאציאנאליזם אין אלע לענדער, ווען די לאזונג פון אליין אויסקום איז געווארען ווי דער ערשטער פון די צעהן געבאט.

מוזען איצט ענגלאנד, פראנקרייך, אמעריקא און כל'ערליי אנדערע לענדער אינטערווענירען אין דער פריוואטער ווירטשאפט און צולייגען צו איהר א פלייצע און גאכמעהר מוז עס טהון פוילען.'

אבער ווען מ'רעדט ביי אונז וועגען פוילישען האנדעל, מיינט מען בלויז א טייל פונ'ם פאקטישען האנדעל אין לאנד, דאס זעלביגע אויך וועגען מלאכה.

די ריין-קריסטליכע ווירטשאפטליכע פעראיינען סיי פון הענדלער'ס, סיי פון בעלי-מלאכות, סיי פון פאבריק-ארבייטער האבען שוין פון לאנג געהאט אין זייער יסוד דעם איצט אזוי פאפולערגעווארענעם אריער-פאראגראף—צו בעקעמפען די יודישע רעכט אויף האנדעל און ארבייט, ווען ס'וואלט נישט, אזוי גערופען, וואלט מען דאך נישט געדארפט קיין בעזונדערע קריסטליכע פעראיינען, נאר ס'וואלט געקענט פעראייניגען די פאכען, אהן נאציאנאלע אונטערשידען.

ווען מ'גיט נישט די נויטיגע געזעלשאפטליכע הילף די יודישע ווירטשאפטליכע פלאצובקעס, לאזט מען זיי וועגעטירען; געבראכט ווערען צו רואין, אויב מ'רואינירט זיי נישט בידים...

ווען מ'זאל וועלען באמת שטויסען פאראויס די ווירטשאפטליכע איניציאטיוו אין פוילען, וואלט מען געדארפט שטיצען אלע עקזיסטענצען צוגלייך, נישט פאווארזירען און נישט איגנארירען קיינעם צוליב אמונה און נאציע.

ווען מ'זאגט „פוילישער פעראיין" און מ'מיינט „קריסטליכער", בענוצט מען א קריפטאנים, נישט צו גנבען פון דער זאך, וועלכע מ'וויל פערטיידיגען.

פ. ק.

היינט און מארגן — דער ארץ - ישראל טאנץ - און געזאנג - אבענד פון די צוויי בעריהמטע וועלט-קינסטלער נעמי ליף און יוסף גאלאנד

ענדליך, נאך לאנגע ערווארטונגען, ווערט דער היגער בהייטער יודישער טעאטער-עולם און אלע ליבהאבער פון יודישען טאנץ, געזאנג און שפיל, האבען די געלעגענהייט צו זעהען די צוויי בעריהמטע וועלט-קינסטלער פון ארץ-ישראל נעמי ליף און יוסף גאלאנד; אין זייערע איינציגע צוויי אויפטריטען אין „מכבי"-זאל, היינט, פרייטאג און מארגען שבת 9 אווענד.

די אויפטריטען פון דעם קינסטלער-פאר זענען דורך דער וועלט-פרעסע אויפגענומען געווארען מיט בעגייסטערונג. די טענץ, וואס ווערען אויפגעפיהרט אין גרים און אין פארביגע קאסטיומען דורך דער שעהנער נעמי ליף ווערען בעצייכענט אלס די לעבעדיגסטע פערקערפערונג פון דעם היינטיגען דינאמישען ארץ-ישראל מיט תל-אביב אלס איהר רעפרעזענטאנטין און דאס ביבלישע — מיט ירושלים. אלס צענטער אין איהרע פערשידענארטיגע טענץ שאפט זי אזוי ארום די סינטעזע פון דעם אלטען און נייעם ארץ ישראל.

די צוויי אווענדען פון ארץ-ישראל-געזאנג און טענץ זאגען דעריבער פאר צו זיין זעהר רייך און אינטערעסאנט.

ס'איז מעהר ווי זיכער, אז די היגע יודישע אינטעליגענץ און אלע טעאטער-ליבהאבער, וועלען זיכער איילען אויסנוצען די דאזיגע זעלטענע און איינציגע געלעגענהייט צו זעהען די אויפטריטען פון קינסטלער, וואס זיי וועלען זיכער נישט בעדויערען.

בילעטען-פארפערקויף אין דרוקעריי פון ה' באטשען, אלעע 6, פרייטאג פון 6 אווענד און שבת פון 11 פריה ביי דער קאסע.

פון קליינהענדלער - פערבאנד.

די פערוואלטונג פון טשענסטאכאווער קליינהענדלער-פעראיין מאכט בעקאנט, אז ביז מאנטאג, דעם 15 נאוועמבער ה. י. איז צאהלבאר די 3-טע ראטע פון ריטשאלטירטען אומזאץ-שטייער (פאדאטעק אבראטאווי) פאר'ן יאהר 1937. נאך דעם טערמין טרעטען-צו די שטייער-אמט.ן איינצומאהנען די נישט בעצאהלטע ראטעס.

מיר דערמאנען אויך, אז דער טערמין פון אבגעבען רעקורסען געגען דעם צו הויך אויסגעמאסטענעם הכנסה-שטייער (פאדאטעק דאכאדאווי) אויפ'ן יאהר 1937 איז 30 טאג נאכ'ן ערהאלטענעם שטייער-בעפעהל (נאקאז פלאטנישטשי). נעמענדיג אין אכט, אז בעת דער אויסמעסטונג זענען א גרעסערע טייל קליינהענדלער שטארק בעשולה'ט געווארען, דארפען די אלע זיך ווענדען אין פעראיינס סעקרעטאריאט, בכדי זיך צו פעררעגיסטרירען אין הער רשימה פון בעשולה'טע שטייער-צאהלער, וועלכע ווערען דורך דער צענטראלע איבערגעשיקט אין די געהעריגע אינסטאנצען.

פערענדיגט די ארבייטען אויף קאטעדראלנע גאס.

די קאטעדראלנע-גאס, וואס איז איינע פון די בעלעבטסטע אין צענטרום שטאדט, הן מיט'ן פוס און הן מיט'ן ראד-פערקעהר, איז אויסברוקירט געווארען מיט קליגקער פון דער פילסודסקי גאס ביז צו דער אגראדאווא און אין דער נאהנטסטער צייט זאל עס שוין איבערגעגעבען ווערען צום געברויך.

אלע הייזער אויף דער דאזיגער גאס זענען שוין פערבינדען געווארען מיט דער שטאדטישער וואסערלייטונג און קאנאליזאציע.

דער אומאבהענגיגקייטס - יום - טוב אין טשענסטאכאוו.

מיטוואך אין אווענד איז לכבוד דעם אומאבהענגיגקייטס-יום-טוב פארגעקומען א „צאפסטשיק".

ארום 6 א זייגער אין אווענד האבען אויפ'ן איללומינירטען מאגיסטראט-פלאץ זיך פערזאמעלט אבטיילונגען פון מיליטער, לעגיאנען-ארגאניזאציעס און פעראייניקעס, ווי אויך שול-קינדער.

האלב 7 א זייגער איז אין דער בעגלייטונג פון א גרופע העכערע אפיצירען אנגעקומען דער דאוואודצע פון היגען פיעכאטע-פולק פאדפולק. ארציטשעווסקי און אין פערטרעטונג פון גארניזאן-קאמענדאנט אבגענומען דעם ראפארט.

מיט א רעדע צו די פערזאמעלטע איז ארויסגעטרעטען פראפעסאר פון 2-טען מלוכה'שען גימנאזיום מיקאלייטיס, וועלכער האט ארומגערעדט אלץ, וואס דאס פוילישע פאלק האט ערווארבען אין משך פון 19 יאהר אומאבהענגיגען פוילען.

אינ'ם קולמינאציע-פונקט פון זיין רעדע האט פראפ. מיקאלייטיס אבגעגעבען כבוד דעם אנדענק פון מארשאל יוזעף פילסודסקי און פערענדיגט מיט אנ'אויסרוף פאר'ן וואויל פון דער רעפובליק. דער מיליטערישער ארקעסטער שפילט דאן דעם מלוכה-הימן און אין דער זעלבער צייט ווערען אנגעצינדען צוויי גרויסע האלץ שייטערס.

נעכטען האבען זיך די פייערליכקייטען אנגעהויבען מיט תפילות אין די געבעט-הייזער פון אלע גלויבענס.

די פארשטעהער פון דער מאכט, מיליטער, פעדעראציעס און ארגאניזאציעס האבען זיך פערזאמעלט אויפ'ן פלאץ פאר'ן קלויסטער, וואו ס'איז, נאך דער גאטעסדינסט, פארגעקומען די צערעמאניע פון פערטיילען גאלדענע און זילבערנע פערדינסט-קרייצען, מיט וועלכע עס איז אויסגעצייכענט געווארען א רייהע טשענסטאכאווער איינוואוינער. די אבצייכנונגען זענען צעטיילט געווארען דורכ'ן סטאראסטא ראזמארינאווסקי.

פון קלויסטער-פלאץ האבען די פערזאמעלטע אוועקמארשירט אויפ'ן מאגיסטראט-פלאץ, וואו ס'איז פארגעקומען א דעפילאדע פון מיליטער, מיליטערישע ארגאניזאציעס, שול יוגענד א.א.וו.

כדאי צו פערצייכענען, אז אין דער דעפילאדע האבען אויך אנטייל גענומען די יוגענד פון די לינקע ארגאניזאציעס, ווי „טור" און „וויטשי", דאגעגען די ענדעקישע יוגענד האט זיך אין דער דעפילאדע נישט בעטייליגט.

פארנאכט איז אין בנין א. נ. פון מארשאל פילסודסקי ביים פארק פארגעקומען א גרויסע אקאדעמיע לכבוד דעם אומאבהענגיגקייטס - יום טוב. עהנליכע אקאדעמיעס אין א קלענערן פערנעהם זענען פארגעקומען אין די היגע שולען ווי אויך אין די לאקאלען פון פערשידענע ארגאניזאציעס.

די נעכטיגע פייערליכקייטען אין די שוהלען

א 10 זייגער פריה האבען זיך אין דער שטאדט-שוהל פערזאמעלט די שילער פון דער האנדווערקער-שולע, פון ד"ר אקסער'ס גימנאזיום, פאוושעכנע שולען און אנדערע, די האנדווערקער מיט זייערע פעהנער, ווי אויך א גרויסער עולם פון פערשידענע שיכטען.

מצד דער מאכט זענען געקומען: רעפ. מגר. מארושינסקי אלס פארשטעהער פון דער סטאראסטווע און נאטש. כאדזינסקי — פון מאגיסטראט.

חזן כאלעווא זינגט די געהעריגע מזמורים, מו"צ ר' יוסף פראקאש האט געזאגט א תפילה און דאן רעדט ד"ר ל. אש וועגען דער בעדייטונג פון 11 ליסטאפאד.

מיט'ן אבזינגען דעם פוילישען הימן דורכ'ן חזן און די שול-קינדער האט זיך די פייערליכקייט געענדיגט.

אנ'עהנליכע פייערליכקייט איז אויך פארגעקומען אין דער נייער שוהל, וואו די תפילות האט אבגעריכט חזן פינקעלשטיין און מענינא דיומא האט גערעדט דער פרעדיגער ד"ר הירשבערג.

דער גורל פון מערדער גאפ — אין די הענד פון מלוכה פרעזידענט.

דאס העכסטע געריכט האט — ווי בעוואוסט — דערווייטערט די קאסאציע-אנקלאגע פון מערדער גאפ. אין צוזאמענהאנג דערמיט, אין הסכם מיט'ן ארט. 123 פון שטראף רעגולאמין האט דאס קרייז-געריכט אין טשענסטאכאוו, אלס ערשטע אינסטאנץ, וואס האט ארויסגעטראגען דעם אורטייל אויף גאפ'ן, גלייך איבערגעשיקט אינ'ם יוסטיץ-מיניסטעריום די אקטען פון פראצעס, כדי פארצושטעלען דעם אורטייל צו הער דעציזיע פון מלוכה-פרעזידענט.

צו די אקטען פון פראצעס איז בייגעלעגט געוואהרען א געריכטס-מיינונג וועגען דער בעגנעדיגונג.

דער גורל פונ'ם צום טויט פער'משפטען מערדער געפינט זיך דעריבער אויסשליסליך אין די הענד פון מלוכה-פרעזידענט.

אין פאל פון א נעגאטיווער תשובה וועט גאפ שוין אין די נאהנטסטע טעג אומגעבראכט ווערען, העכסטווארשיינליך, אין ווארשא.

ערב דעם רעגיאנאלען צוזאמענפאהר אין טשענסטאכאוו.

דער מאגיסטראט וועט פון 14 ד. ח. 2 א זייגער נאכמיטאג עפענען אויפ'ן בעהויף אנ'אינפארמאציע-ביורא, וועלכע וועט זיין טעטיג ביז מאנטאג 12 א זייגער מיטאג און דאן וועט עס איבערגעטראגען ווערען אין לאקאל פון פייערלעשער-זאל.

דאס ביורא וועט ערטיילען אינפארמאציעס און ארויסגעבען קווארטירקארטען די אנגעקומענע אנטיילנעמער פון רעגיאנאלען צוזאמענפאהר פון פארשטעהער פון פוילישע שטעדט. אויסער דעם וועלען אויך קורסירען די שטאדטישע אויטאבוסען, וואס וועלען איבערפיהרען די אנטיילנעמער פון צוזאמענפאהר.

דעם 15 ליסטאפאד

פעלט אויס די דריטע ראטע זאליטשקע פון אומזאץ-שטייער.

פון „קרן קימת לישראל"

אין צוזאמענהאנג מיט דער בעפארשטעהענדער חנוכה-אקציע ווערען געמאכט פארבערייטונגען בכדי צו זיכערען איהר דעם גרעסטען ערפאלג.

אויף דאנערשטאג דעם 18 נאוועמבער, 8-30 אווענד ווערט גערופען אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע א פערזאמלונג פון מורשים פון אלע ארגאניזאציעס געווידמעט דער חנוכה-אקציע.

פון „בני ציון".

ביים היגען סניף פון וועלט-פערבאנד פון אלגעמיינע ציוניסטען (גרופע ב') איז מיט א צייט צוריק ענטשטאנען א יוגענד-גרופע א. ג. „בני ציון". נאך א פארבערייטונג, נאך איינארדנען א לאקאל (אלעע 16) איז געעפענט געווארען א לעזע-זאל און די קולטורעלע ארבייט איז געווארען ארגאניזירט.

מארגען שבת 4 נאכמ. קומט פאר א פלענארע זיצונג. אויפ'ן טאג-ארדנונג: דין וחשבון פון פארטיי-ראט. רעפערענטען: פרעזעס י. טשענסטאכאווסקי און נ. בלעכשטיין.

דינסטאג, דעם 16 נאוועמבער 9 א זייגער אווענד — אנ'עקאנאמישער סעמינאר, אנגעפיהרט דורכ'ן מגר. ש. אדערבערג.

אויפפאדערונג פון מאגיסטראט.

דער מאגיסטראט רופט אלע הויזבעזיצער, וועלכע האבען זיך נאכנישט צוגעשטעלט וועגען „לאפ"-ענין אין זאל פון שטאדט-ראט אין די בעשטימטע טערמינען, דאס זיי זאלען ווי אמשנעלסטען בעלעגען די אויסגעפולטע פארמולארען אין די פארמיטאג-שעה'ן אין זאל פון שטאדט-ראט, דאמבראווסקי 10.

די שטאדט-פערוואלטונג מאכט אויפמערקזאם, אז די אויבענדערמאנטע זענען שוין בעשטראפט געווארען מיט געלד שטרף ביז 50 זל.

די דאזיגע, וואס וועלען די פארמולארען נישט בעלעגען ביז'ן 12 ד. ח. איינשליסליך וועלען צוגעצויגען ווערען צו געריכטליכער פעראנטווארטליכקייט.

אכטונג מיטגלידער פון דער סקי-סעקציע ביים „מכבי".

אין די נאהנטסטע טעג וועלען זיך אנהויבען די פראקטישע איבונגען פון סקי-גימנאסטיק אונטער דער לייטונג פון א פראפעסאר-ספעציאליסט. די איבונגען וועלען פארקומען אין גימנאסטישען זאל פון יודישען גימנאזיום.

איינשרייבונגען פון א בעגרענעצטע צאהל מיטגלידער ווערען אנגענומען ביז'ן 15-טען ד. ח. אין סעקרעטאריאט פון 9 ביז 10 אוונט ווי אויך אין יאשינסקי'ס קאלעקטור, אלעע 30.

פון י. ט. ס. פ. „מכבי".

שבת, דעם 20-טען ד.ח. וועט פארקומען דער אנהויב פון באקס-סעזאן אין טשענסטאכאוו מיט'ן פריינדשאפטס-מעטש צווישען י.ק.ב. שוויענטאכלאוויצע און היגען מכבי.

דער באקס-מעטש זעהט פאר צו זיין אינטערעסאנט צוליב דעם וואס י. ק. ב. איז איינער פון די בעסטע ספארט-קלובען אין פוילען.

די באקס סעקציע ביים היגען מכבי, וועלכע טרענירט שוין איהרע מיטגלידער איינציגע חדשים אונטער דער לייטונג פון א געניטען אינסטרוקטאר, מאכט אלע בעמיהונגען, אז די באקס-קאמפען זאלען אויספאלען ווי עמבעסטען, צווישען אנדערע וועלען אויך דאס מאל מצד דעם מכבי קאמפען די בעקאנטע באקסער: בוואס, גרענעק, קאנטאר א. א. פרטים אין די אפישען.

דער לעזע-זאל ביים „מכבי" איז טעטיג יעדען אווענד. עס געפינט זיך די גאנצע יודישע און פוילישע טאגפרעסע, ווי אויך אלערליי צייטשריפטען אין פערשידענע אויסגאבען. איינגאנג פריי פאר אלע.

די אויבסט-הענדלער ליידען גרויסע פערלוסטען.

אומגעריכט האבען די סעדער בעקומען א גרויסען קלאפ. געוועהנליך זעצען די סעדער א סך אויפ'ן ווינטער-אויבסט, פאר וועלכען זיי פלעגען נעמען בעסערע פרייזען. די סעדער צאצקען זיך מיט די עפעל, פאר וועלכע זיי דינגען בוידעמס, קעלערס צו לאגערן; זיי בעטען אונטער שטרוי, טוען איבערקוקען, איבערקליבען, אויסזארטירען און וואס ווייטער דער ווינטער נעמען זיי אלץ בעסערע פרייזען.

און אט האבען היי-יאהר די עפעלבעזיצער בעקומען א שווערען קלאפ פון די קרעסען, פון וואנען מען ליפערט עפעל בחצי-חנם, אזוי אז די קרעסען-עפעל ווערען פערקויפט צו פרייזען, פאר וועלכע עס איז נישט געווען צו בעקומען אפילו אין הויכען זומער.

די סעדער קענען צו אזא נידריגען פרייז (30 - 35 גר.) נישט לייזען, עס קאסט זיי טייערער דער עפעל אויפ'ן בוים. די היימישע עפעל זענען אמת בעסער, אבער דער מייסטענס עולם זענען נישט אזעלכע פיינשמעקער. א סך אויבסט-הענדלער, וועלכע האבען זיך, אזוי צו זאגען, געניידט דעם בייטעל, רעכנענדיג היי-יאהר, צוליעב דעם אומגערעטעניש ביי אונז צו נעמען בעזונדערס גוטע פרייזען — קומט אויס א סך געלד צו דערלייגען. מאנכע טרייסטען זיך דערמיט, אז ווען עס וועלען קומען פרעסט, וועט מען נישט קענען ברענגען קיין עפעל, אבער דערווייל פאלען די עפעל אונטער, און מען חאלט אין איין אויסשניידען און פערקויפען אזעלכע פאר מארגע גראשענס.

דערווייל ליידען די אויבסט-הענדלער גרויסע פערלוסטען.

א פראפאגאנדע-מיטינג פאר די פראפעסיאנעלע פעראיינען.

שבת איז דורכ'ן צענטראל-ראט איינגעארדנעט געווארען א פראפאגאנדע-מיטינג פאר די פראפ. פעראיינען.

חוץ די ארטיגע רעדנער, איז ארויסגעטרעטען א פארשטעהער פון לאנד-ראט און א פארשטעהער פון דער ארטיגער „ראדע", א פוילישער ארבייטער, וועלכער האט אונטערגעשטראכען די נויטיגקייט פון א סאלידארען קאמף פון די פוילישע און יודישע ארבייטער.

Daj oczom dobre światło

Dlaczego dobre i obfite światło?

Dlatego, że dobre oświetlenie jest zachętą, do pracy, polepsza jakość wyrobów i zmniejsza koszty produkcji. By uzyskać dobre i obfite oświetlenie należy stosować nieprześcignione w swej jakości.

OSRAMÓWKA D

OSRAMÓWKI-D

znakowane w dekalumenach gwarantujące małe zużycie prądu.

WYRÓB POLSKI.

3

ליציטאַציע פון 36 אומבאוועגליכע פערמעגענס.

די דירעקציע פון דער טשענסטאָכאָווער קאָריס געזעלשאַפט שטעלט אויס אויף ליציטאַציע 36 אומבאַוועגליכע פערמעגענס אין פערשידענע עקען פון דער שטאָדט, צוליב'ן נישט איינצאָהלען די ראַטעס אין די געהעריגע טערמינען.

פייערליכקייט ביים ענדערן דעם נאָמען פון נייעם מאַרק אויף פּלאַץ פון איגנאַצי דאַשינסקי

פערג. זונטאג איז אין צוזאמענהאַנג מיט דער ערשטער יאָהרצייט נאכ'ן פערשטאָרבענעם סאָציאַליסטישען פיהרער איגנאַצי דאַשינסקי אויף א פייערליכען אופן געענדערט געווארען דער נאָמען פון נייעם מאַרק אויף פּלאַץ פון איגנאַצי דאַשינסקי.

אין לאָקאַל פון דער „ראַדע" האבען אין דער פריה זיך פערזאמעלט די מיטגלידער פון פ. פּ. ס., דעלעגאַציעס פון גרויבען אַרבייטער און פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען און אין געשלאָסענע רייהען אַבמאַרשירט צום נייעם מאַרק, רוג אַלעע, וואו ס'איז געוועזען אוועקגעשטעלט א דעקאָרירטע טריבונע און ס'איז איינגעמויערט געווארען א מאַרמאָר-טאָוועל מיט דער געהעריגער אויפשריפט.

די פייערליכקייט עפענט לאָווניק קאָזשמיערטשאַק. דאַן האט דער שטאָדט-פּרעזידענט שטשאַדראָווסקי פאַרגעלייענט דעם דעקרעט פון וואָיעוואָדישען אַמט וועגען ענדערן דעם נאָמען פון נייעם מאַרק אויף פּלאַץ פון איגנאַצי דאַשינסקי און אויפגעדעקט די מאַרמאָרענע טאָוועל, איבער וועלכער ס'איז אויך געהאָנגען דאַשינסקי'ס פּאָרטרעט.

דערנאָך האט דער גענעראַל סעקרעטאַר פון צענטראַל-קאָמיטעט פון פּ.פּ.ס. פּוזשאַק אונטערגעשטראָכען די פּערדינסטען פון איגנאַצי דאַשינסקי פאר דער בעפרייאונג פון פוילען און פאר'ן פוילישען סאָציאַליזם און פערענדיגט, אז דעם ירושה-מאַניפעסט פון דער לובלינער רעגירונג, וואס איז נאכנישט פערווירקליכט געווארען, וועלען די פוילישע ארבייטער מיט זייער קאַמף פערווירקליכען.

צום סוף האט לאָווניק קאָזשמיערטשאַק געהאלטען א רעדע געגען די ענדעקעס, רופענדיג די מאַסען צו א סאָלידאַרען קאַמף פאַר אַ פריי פוילען און פאר אנ'ארבייטער-און פויערים-רעגירונג.

מיט'ן געזאַנג פון „טשערוואָני שטאַנדאַר" איז די פייערליכקייט פערענדיגט געווארען.

דער אָנגעקלאָגטער אין צושעדיגען גאַלסטער'ס טשאַסטקאָרניע – פרייגעשפּראָכען.

דאס קרייז-געריכט האט בעטראַכט דעם פּראָצעס פון אלעקסאנדער צופּיאַלאַ, וועלכער איז אָנגעקלאָגט געווארען דערפאר, וואס ער האט דעם 19-טען יוני ה. י. אנטייל גענומען אין אַן עפענטליכען צוזאַמענגעלויף, וואס האט מיט געמיינזאמע כחות פון די אנטיילנעהמער אין דער צאָהל פון 30 פּערזאָן, בעגאַנגען א געוואַלדטהאַט אויפ'ן פערמעגען פון יצחק גאַלסטער, דעמאָלירענדיג מיט העק זיין געוועלב, וואס געפינט זיך אין דער דריטער אַלעע 48.

בעת די טרויריגע אַנטי יודישע געשעהענישען האט דער עדות זודעק בעמערקט נעבען דעם הויז נר. 48 אין דער דריטער אלעע א גרופּע מענשען און צווישען די, וואס האבען דעמאָלירט גאַלסטער'ס געוועלב מיט טשאַסטקעס, האט ער דערזעהן אלעקסאנדער צופּיאַלאַ'ן צוזאָמען מיט אנדערע האַקען די טהיר מיט א האַק.

בעת דער געריכטס-פערהאנדלונג האט דער אָנגעקלאָגטער ערקלערט, אַז ער איז אין דער זעלבער צייט געווען אין קעלץ זוכען אַרבייט. היות ס'זענען נישט דערוויזען געווארען קיין גענוגענדע בעווייזען פון אָנגעקלאָגטען'ס שולד, האט דאס געריכט צופּיאַלאַ'ן פרייגעשפּראָכען.

אַלפּוילישער בעקער-קאָנגרעס אין טשענסטאָכאָוו טראָגט אַריין פערשידענע אַנטי-יודישע פאָרשלאָגען

זונטאג איז אין אונזער שטאָדט פאָרגעקומען דער אַלפּוילישער קאָנגרעס פון די קריסטליכע בעקערס, וועלכער האט פערזאמעלט אנ'ערך 3 טויזענד פּערזאָן פון גאנצען לאַנד.

אלס געסט זענען געקומען אויפ'ן קאָנגרעס די רעגירונגס פאָרשטעהער: דעפּאַרטאַמענט דירעקטאָר פון האנדעלס-און אינדוסטריע מיניסטעריום כזשאַנאָווסקי און דירעקטאָר פון זעלבען מיניסטעריום שליווא, נאַטשעלניק רישאַקעוויטש פון אינערן-מיניסטעריום, נאַטשעלניק וואָיטאָוויטש פון וואָיעוואָדישען אמט אין קעלץ, סטאַראָסטאַ ראָזמאַרינאָווסקי, פאָרשטעהער פון די האנדעלס קאַמערן א. א.

פארמיטאג איז פאָרגעקומען אויף דער יאַסנאַ גוראַ א רעליגיעזע צערעמאָניע מיט'ן אַנטייל פון גאנצען קאָנגרעס און נאכמיטאג האלב 2 א זייגער האבען זיך אָנגעהויבען די קאָנגרעס-בעראַטונגען.

דעם הויפּט-רעפעראַט וועגען דער לאַגע פון די קריסטליכע בעקער אין פוילען האט געהאלטען דער גענעראַל-סעקרעטאַר פון דער בעקער-אָרגאַניזאַציע סאַדלאָווסקי פון קאַטאָוויץ, וועלכער האט צוו. אנד. אויך נישט אויסגעמיטען צו רעדען וועגען יודען. אזוי האט דער דאָזיגער רעדנער אָנגעוויזען אויף דער נויטיגקייט צו בעפרייען זיך פון דער יודישער פערמיטלונג ביים מעהל-האַנדעל דורך שאַפען אייגענע קריסטליכע מעהל-הורטאָווניעס.

אלס צווייטער רעפערענט האט פּרעזעס וויטקאָווסקי פון סאָסנאָוויץ אין זיין רעפעראַט וועגען נאָוועליזירען דאס אינדוסטריע-געזעץ ערקלערט, אז די ירידה פון דער פוילישער מלאכה ווערט פערורזאכט צוליב די פיינדליכע יודישע איינפלוסען. דער דאָזיגער רעדנער קומט צום בעשלוס, אז ס'דאַרפען אדורכגעפיהרט ווערען געוויסע ענדערונגען אינ'ם דאָזיגען געזעץ, לויט וועלכע די צעכען דאַרפען בעקומען ברייטערע רעכט, דערביי אָבער זאלען די יודישע צעכען אינגאַנצען אויפגעלעזט ווערען.

נאכדעם, ווי ס'זענען געהאלטען געווארען נאָך אנדערע רעפעראַטען, אין וועלכע ס'האבען אויך נישט געפעהלט קיין פרישע יודען-פיינדליכע מאָמענטען, האט דער קאָנגרעס געגעבען א פולמאכט דער הויפּט-פערוואלטונג און דעם פּרעזידיום צו בעאַרבייטען די קאָנגרעס רעזאָלוציע לויט די פּאָסטולאַטען, וואס זענען פאָרגעלייגט געווארען אין די געהאלטענע רעפעראַטען.

נייער באַהנהויף פאַר טשענסטאָכאָוו.

דער היייגער בעזוך פון א גרויסער צאָהל פּילגרימער אויף דער יאַסנאַ גוראַ האט נאכאמאל בעשטעטיגט די נויטווענדיגקייט פון איבערבויען דעם ביזיעצטיגען באַהנהויף אין טשענסטאָכאָוו, וועלכער ענטשפּרעכט נישט די יעצטיגע געברויכען פון פּילגרימער-פערקעהר.

לויט די נייעסטע קאָנצעפּציעס וועט דער ביז-יעצטיגער באַהנהויף זיין בעשטימט בלויז פאר די פּילגרימער און פאר'ן נאָרמאַלען פּאַסאַזשירען פערקעהר וועט אויסגעבויט ווערען א נייער באַהנהויף אויף דער מערב-זייט מיט'ן ארויסגאַנג אויף אַלעע וואַלנאַשטשי. צו דעם דאָזיגען צוועק וועט דער לאָקאָמאָטיווען-גאַראַזש אַקעגענאיבער דעם באַהנהויף אריבערגעטראָגען ווערען אויף אַנ'אַנדער אָרט.

רבי יוסף שמעון קאָבלינץ ז״ל

די וואָך האט דאס יודישע טשענסטאָכאָוו פערלוירען איינעם פון איהרע בעסטע און חשוב'סטע זוהן, גרויסער תלמוד-חכם און כלל טהוער ר' יוסף שמעון קאָבלינץ ז"ל.

דער חשוב'ער נפטר איז געווען איינער פון די זעלטענסטע טיפען יודען וואס מיר פערמאגען נאָך אין היינטיגען דור, נאָך אין זיין יוגענד איז ער געשטאַנען אין דער חובבי-ציון בעוועגונג און זייענדיג א טאלאנטפולער מטיף, מיט זעהר ברייטע ידיעות אין אלע מקצועות התורה והיהדות, האבען זיינע בעריהמטע דרשות איבערהויפּט וועגען ארץ-ישראל, צוגעצויגען טויזענדער און טויזענדער צוהערער—ער האט גענומען א אקטיווען אנטייל אויף אלע געביטען פון ארץ ישראל ארבייט, מיט וואס ער האט זיך קונה שם געווען אין דעם גאנצען יודיש-נאַציאָנאַלען צבור.

במשך פון די 45 יאהר וואס ער האט געוואוינט אין אונזער שטאדט איז ער געווען טעטיג אין אלע געזעלשאפטליכע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס, און אלץ מיט דער גרעסטער איבערגעבענהייט. צווישען אנדערן איז ער געווען איינער פון די בויער און גרינדער פון מחזיקי הדת, גבאי ראשי אין דער חברה קדושה, יושב-ראש פון מזרחי, מיטגליד פון דער קהלה-פערוואלטונג און ראַט. זעהר פיעל געלייסטעט אויפ'ן געביט פון חינוך.

דער נפטר איז געווען זעהר בעליבט אין אלע היגע יודישע קרייזען, און זיין טויט האט ארויסגערופען א טיעפען טרויער צווישען אלע יודישע שיכטען, וועלכע האבען אין די טויזענדער אנטיילגענומען אין זיין לויה, אבגעבענדיג איהם דעם לעצטען כבוד.

ת.נ.צ.ב.ה.

דער ועד המזרחי האט בעשלאָסען איינצושרייבען דעם גרויסען נפטר אין ספר הזהב פון קרן-קימת-לישראל פאר זיינע גרויסע לייסטונגען אויף דעם געביעט פון א"י ארבייט, און ס'איז צו האפען, אז די פיעל זיינע פערעהרער וועלען אנטיילנעמען אין דער דאָזיגער אקציע.

זדונסקאַ - וואָלאַ און טשענסטאָכאָוו...

אין „היינט" פון לעצטען זונטאג געפינען מיר א ידיעה, אז אין די אגודה'שע קרייזען פון זדונסקאַ וואָלאַ הערשט א גרויסע צורודערונג צוליעב די עקשנות'דיגע קלאַנגען, וואס האבען זיך דאָרט פערשפּרייט, אז דער דאָרטיגער רב ר' ישכר משה בעער זאָל אָננעמען דאס טשענסטאָכאָווער רבנות.

נאָך מיט עטליכע טעג צוריק זענען צו אונז דערגאַנגען ידיעות, וועגען דעם, אז די קרובים פון זדונסקאַ וואָלער רב פערשפּרייטען קלאַנגען אין דער לאָדזער אומגעגענד, דאס דער דערמאנטער רב איז איינגעלאַדען געווארען דורך דער היגער קהלה צו פערנעהמען דאס טשענסטאָכאָווער כסא הרבנות און דאס אַזש מיט א פּענסיע פון 22 טויזענד זל. א יאָהר (כן ירבו!...). יעצט האט מען אַלזאָ גענומען די דאָזיגע „בשורה" פערשפּרייטען אויך דורך דער פּרעסע.

מיר אין טשענסטאָכאָוו, פאר וועלכע דער גאנצער ענין רבנות איז דערווייל בכלל נישט אַקטועל, קענען לייכט פערשטעהן די כונה פון פערשפּרייטען די דאָזיגע ידיעה, וואס איז א סגולה אויך צו בעקומען א הוספה'לע פון דער דאָרטיגער קהלה... אַט לויטעט דאך טאקי די זעלבע אינספּירירטע נאָטיץ אין „היינט", „אַז די זדונסקאַ-וואָלער „אגודה" האט צוזאמענגערופען א ספּעציעלע אסיפה, אויף וועלכער ס'איז בעשלאָסען געווארען צו ווירקען אויפ'ן רב, ער זאָל נישט פערלאָזען די שטאָדט"...

מיר קענען דעריבער בערוהיגען די „אגודה"-לייט אין זדונסקאַ וואָלאַ, אז זיי זאָלען נישט זיין אזוי צורודערט. מיר פערזיכערן זיי, אַז טשענסטאָכאָוו וועט זיי זייער רב נישט אָוועקנעמען...

פער'משפּט אַנ'ענדעקישען טהוער

דעם 15 שערפּיען ה. י. האט דער אינסטרוקטאָר פון דער ענדעקישער פּאַרטיי יאַן באַראַנסקי, אויף אַנ'עפענטליכען מיטינג אויפ'ן נישט-פערבויטען פּלאַץ אויף דער קילינסקי גאס געהאַלטען א רעפעראַט און זיך אויסגעדריקט פאָלגענד: „אין פוילען איז פערהאַן ברויט גענוג, נור ער געפינט זיך אין דער יודישער געגענד און מען דאַרף דאָרט אַהין נאָך איהם אויסשטרעקען די האַנד", „די ווייבער פון סאַנאַציע-מאַגנאַטען פיהרען ארויס נאָך אויסלאַנד הונדערטער טויזענדער זלאָטעס".

באַראַנסקי איז דערפאר עהרנעכטען געמשפּט געווארען דורכ'ן קרייז-געריכט, וואוהין ער איז געבראכט געווארען פון דער תפיסה. באַראַנסקי געפינט זיך אין אַרעסט אין צוזאמענהאַנג מיט זיינע ארויסטרעטונגען בעת א פּאַהן-פייערונג פון דער ענדעקישער פּאַרטיי אין זלאָטשאָוויץ.

דעם פּראָצעס האט בעטראַכט ריכטער כראַפּאָוויצקי, אַנקלאָגער – פּראָקוראָר אַשינסקי.

דאס געריכט האט ארויסגעטראָגען דעם אורטייל, לויט וועלכען באַראַנסקי ווערט פער'משפּט אויף 3 וואָכען אַרעסט און 5 זל. א געלד-שטראָף. צוליב דעם אבער, וואס ער איז ביז איצט נישט געוועזען בעשטראָפט איז דאס אויספיהרען דעם אורטייל אָבגעלעגט געוואָרען אויף 2 יאָהר.

2 פּראָצעסען פאַר בעליידיגען די פוילישע מלוכה

דאס קרייז געריכט האט בעטראַכט 2 פּראָצעסען פאר בעליידיגען די פוילישע מלוכה.

אין ערשטען פּראָצעס האט זיך אויף דער בעשולדיגטעס באַנק זיך געפונען דער 40 יעהריגער פראַנטשישעק קענטי. פאַהרענדיג דעם 30 טען יוני ה. י. מיט אנ'אויטאָבוס קיין קלאָבוצק, האט ער אין א געוויסען מאָמענט גענומען זינגען רוסישע לידער. ווען איינער פון די מיטרייזענדע האט איהם אויפמערקזאַם געמאכט, אז אלס פוילישער בירגער דאַרף ער נישט זינגען אין דער שפּראַך פון די געוועזענע אָקופּאַנטען, האט קענטי געוואָרפען בעליידיגענדע אויסדריקען אויף פוילען'ס נאָמען.

דאס געריכט האט איהם פער'משפּט אויף 2 וואָכען אונבעדינגטען אַרעסט.

פאר עהנליכע חטאים איז אויך געמשפּט געוואָרען דער 31 יעהריגער יוזעף לאַפּעטאַ. דעם 19-טען ווזשעשען האט דער פּאָליציי-פונקציאָנאַר, נעבען דעם קינאָ „עדען" פערהאלטען לאַפּעטאַ'ן אויף א ראַוועראַ. אנשטאט זיך אויסצולעגיטימירען האט דער ראַוועריסט זיך אריינגעלאָזט אין א דיסקוסיע מיט'ן פּאָליציאַנט, זאָגענדיג, אז אין פוילען איז גוט די בעאַמטע, דאַגעגען איז די ארבייטער שלעכט און פערענדיגט: „י'אַ..... פּאָלסקען".

דער אָנגעקלאָגטער פערטיידיגט זיך, אז ער איז דעם קריטישען טאָג געוועזען קראַנק און געהאט היץ.

דאס געריכט האט גענומען אין אַכט די מילדערענדע אומשטענדען און דעם אָנגעקלאָגטען פער'משפּט אויף 1 חודש אַרעסט, אַבלעגענדיג דאס אויספיהרען די שטראָף אויף 3 יאָהר.

נעכטען איז אָראָבגעפאַלען דער ערשטער שניי.

נעכטען נאָך א קאַלטען טאָג איז ארום 4 א זייגער אין אָוונד אַראָבגעפאַלען היי-יאָהר דער ערשטער שניי, וועלכער איז אבער שנעל צורונען געווארען.

נדבות פאַר דער געז. „תומכי-עניים"

ה' יונתן איזראעלאָוויטש און פרוי צו דעם געבורט פון זייער טעכטערל 20 קילאָ ברויט.

Lekarz-Dentysta
Henryk Lejzerowicz
przeprowadził się
na ul. Aleja 32 m. 3
telef. 17-57.

פאַרבערייי און כעמישע וועשערייי
„BENETA"
ב. יאַסעלעוויטשאַ 11
(געגענאיבער. דעם געוועלב פון דער קאַפּעלושאַרניע)
קראַגענס ווערען געוואַשען מיט דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ
ספּעציאַליטעט:
1) אויפפרישען (פאַרבען) לעדערנע קורטקעס,
2) פאַרבען לויט מוסטערן,
3) דעקאַטירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט),
4) כעמישרייניגען און פאַסאָנירען קאַפּעלושן,

KINO „EDEN".
שוידערליכע איבערלעבונגען פון א פרוי!
KUSICIELKA
איהר ליעבע ברענגט אַנ'אומגליק...
איהרע טאַטען רופען ארויס סקאַנדאַלען...
איהר רייץ האט צו איהרע פיס געשליידערט אלע מאַנסלייט...
אין די הויפּט-ראָלען:
בעטי דייוויס און פראַנשאָט טאָן.
איבער'ן פּראָגראַם: פאַט און אַ גראַטעסקע
שבת און זונטאג 12-30 מיטאָג
SZESNASTOLATKA

Kino „LUNA"
צום ערשטען מאָל צוזאמען!
עראָל פלין און קיי פראַנסיס
אינ'ם עקזאָטישען פילם
ATAK o ŚWICIE
אונטער'ן האָגעל פון קוילען און געוואַלדען פון בלוט-דורשטיגע באַרבאַרען קומט פאַר א קאַמף פון אומשטערבליכער העלדישקייט און אומשטערבליכער ליבע.
איבער'ן פּראָגראַם: אַקטואַליען

Kino-Teatr „STYLOWY"
Aleja 27.
מעכטיגע דראַמע פון א פוילישען אולאַנען-אָפיציר וואס איז פערליבט אין א רוסישער פרוי — א עפּיזאָד פון נאָוועמבער-אויפשטאַנד יאָהר 1830 אין מיליטערישען גאַרניזאָן אין גראָדנע.
KU WOLNOŚCI
ריהרענדע איבערלעבענישען פון אַנ'אָפיציר וועמען דער נאָוועמבער-אויפשטאַנד האט געצוואונגען אויסצוווערלען צווישען דער שטים פון הארץ און פליכט לגבי דעם פאָטערלאַנד.
דער גאנצער פילם איז גערעדט אויף פויליש.

Redaktor i wydawca: B. Bocian Druk. B. Bocian, Aleja 6